Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען — היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 35 | Łódź, Wtorek, 10 lutego 1931 r. | נײַנטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאג, כ"ג שבט תרצ"א | № 35

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

„די עפּאָכע פון מאַרשאַל פּילסודסקי הערשט איצט אין פּוילען"

ערקלערט אינערן-מיניסטער סקלאַדקאָווסקי

וואַרשא, 9 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אויף דער היינטיגער זיצונג פון סיים האָט דער דעפּ. בירקענמייער (ב. ב.) גענומען אַ וואָרט און ערקלערט פאָלגענדעס: אויף דער שבת'דיגער זיצונג פון סיים, בעת עס האָט גערעדט גענעראַל גאַליצא האָט דער ענדעקישער דעפּ. קאַרוועצקי געמאַכט דעם אויסרוף:

„איהר האָט געדינט די דייטשען"

דער דאָזיגער אויסרוף ערקלערט דעפּ. בירקענמייער איז אַ בעליידיגונג פאַר די לעגיאָניסטען. אין סטענאָגראַפישען פּראָטאָקאָל זענען אָבער די ווערטער איבערגעגעבען געוואָרען אין אַנ'אַנדערן זין, אַזוי אַז זיי גיבען נישט די לעגיאָניסטען די מעגליכקייט צו זוכען אַ סאַטיספאַקציע. דעפּ. בירקענמייער בעט דעריבער דעם סיים-מאַרשאַלעק אויסצובעסערען דעם סטענאָגראַפישען פּראָטאָקאָל.

דעפּ. קאַרנעצקי (ענדעק) שפּרינגט אויף און ערקלערט: אַלס דער באַהעכסטער שכן נון דעפּ. קאַרוועצקי שטעל איך קאַטעגאָריש פעסט, אַז די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט זענען געווען

„מיר האָבען נישט געוואָלט העלפען די דייטשען"

(טומעל און פּראָטעסטען אויף די בענק פון די ב. ב.).

דער סיים-מאַרשאַלעק בעט דעם דעפּ. קאַרנעצקי אָפּצוגעבען אַ שריפטליכע ערקלערונג און דערמיט וועט דער ענין ערלעדיגט ווערען.

דאַן טרעט מען צו צו בעטראַכטען דעם בודזשעט פון אינערן-מיניסטעריום.

אין דער דיסקוסיע האָט אויך גענומען אַ וואָרט דעפּ. דוך (ב.ב.), צוו. אַנד. ערקלערט דער רעדנער, אַז דאָס בעפרייען די אַדמיניסטראַציע פון פּאַרטייאישקייט, האָט געפאָדערט אַריינצוציהען אַ געוויסע צאָהל קרעפטען פון מיליטער, וואָס איז אין פּוילען דער רעזערוואואַר פון כוחות, וואָס זענען פעהיג צו אַרבייטען אין אַנדערע רעסאָרטען צוליב זייער פאַר'מלחמה'דיגען דינסט.

דעפּ. ביאַלקאָווסקי (פּויערים-פּאַרטיי) דערצעהלט אַ געשיכטע וועגען אַ ווייב פון אַנ'אייגסעל דעפּוטאַט, וואָס איז נישט אויסגעוועהלט געוואָרען אין דער פערוואַלטונג פון אַ פּויערישער כרויען-אָרגאַניזאַציע, זי האָט צוליב דעם אויפגעהויבען אַזאַ טומעל, אַז עס האַלט שוין ביים צוריקציהען די סובסידיע פאַר דער דערמאָהנטער כרויען-אָרגאַניזאַציע. דער רעדנער ענדיגט, אַז אין פּוילען הערשט

נישט דאס געזעץ נאָר די קראַפט"

זעהר אַ שאַרפער רעדע האָט געהאַלטען דעפּ. זשולאַווסקי. פּוילען — זאָגט דער רעדנער — איז געוואָרען אַ פּאָליציי-מלוכה, אויף יעדען טריט און שריט הערשט פּראָוואָקאַציע און שפּיאָנאַזש. אַמבולט'סטען האָבען דאָס בעוויזען די לעצטע פּאָליטישע פּראָצעסען. מען ברעכט דאָס געזעץ און מען טוט, וואָס מען וויל.

דעפּ. זשולאָווסקי דערמאָהנט אויך די רעדע פון גענעראַל גאַליצא, וועלכער ער האָט געהאַלטען אויף דער שבת'דיגער זיצונג פון סיים. גענעראַל גאַליצא — זאָגט דער רעדנער — האָט ערקלערט, אַז מאַרשאַל פּילסודסקי איז זיך נאָך בעגאַנגען מילד מיט דער אָפּאָזיציע, ווייל ער האָט

צולעגט די שטראָף אויף ראַטעס

צום סוף פערגלייכט דעפּ. זשולאַווסקי די איצטיגע רעגירונג מיט אַלע רוסישע רעגירונגען, דאָס זענען געווען אָנהויבענדיג פון איוואַן דעם גרויזאַמען. אין פּוילען איז נישט פאַרהאַן קיין גערעכטען, נאָר עס הערשען ריטער, הויכע בעאַמטע, טשינאָווניקעס א. אַז. וו.

דעפּ. יערעמיטש (ווייס-רוס) זאָגט, אַז אין ווייסרוסלאַנד הערשט דער סיסטעם פון בריסק זייט 10 יאָהר.

אין דער דיסקוסיע האָט אויך גענומען אַ וואָרט דער דעפּ. האַלובקא. ער פאָלעמיזירט מיט די אוקראַאינישע דעפּוטאַטען און ערקלערט, אַז די איצטיגע רעגירונג איז אַ ישועה פאַר די איינוואוינער פון די קרעסען. די איצטיגע רעגירונג טוט זעהר אַ סך פאַר די מינדערהייטען. ספּעציעל האָט די איצטיגע רעגירונג — ערקלערט דעפּ. האַלובקא — אַ סך אויפגעטון פאַר דער יודישער מינדערהייטען. עס איז ערלעדיגט געוואָרען די פראַגע וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון די יודישע קהלות, דאַן וועט מען אויך

ערלעדיגען די פראגע וועגען זונטאג-רוה

און וואָס איז שייך די דריטע פראַגע, דעם יודישען שול-וועזען, ווערט דער ענין ערלעדיגט דורך דעם שאַפען פון פאָלקס-שולען, אין וועלכע מען לערנט נישט שבת. אַזוי לאַנג ווי אַזעלכע שולען זענען נאָך נישט געשאַפען געוואָרען, האַלט דער רעדנער, אַז די בעסטע יודישע שולען זענען די תרבות-שולען.

דעפּ. יערעמיטש ענטפערט אָפּ האַלובקאַן און ערקלערט, אַז אויב ער מיינט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג איז ער אויך נישט בעסער ווי אַנדערע.

דאַן נעהמט אַ וואָרט דער אינערן-מיניסטער סקלאַדקאָווסקי. איהר רעדט כסדר וועגען אַ פּראָגראַם — זאָגט דער מיניסטער — אָבער אין פּוילען איז פאַרהאַן נאָר איין פּראָגראַם: דאָס איז מאַרשאַל פּילסודסקי. עס הערשט איצט ביי אונז נישט די עפּאָכע פון דיקטאַטור און נישט די עפּאָכע פון פאַשיזם. אין פּוילען איז איצט די

עפּאָכע פון מאַרשאַל פּילסודסקי

אויב דער איינסעל-קלוב האָט ביי די וואַהלען געזיגט, איז עס צוליב זיין פּראָגראַם, נאָר צוליב דעם, וואָס אין זיין שפּיץ האָט זיך געשטעלט דער מאַרשאַל פּילסודסקי.

דער מיניסטער רעכענט זיך ווייטער אָפּ מיט צענטראָלעוו. לויט דער מיינונג פון מיניסטער וואָלטען די פּאַרטייען, וואָס זענען אַריין אין צענטראָלעוו מעהר געווינען ביי די וואַהלען אויב זיי וואָלטען געגאַנגען בעזונדער.

מיניסטער סקלאַדקאָווסקי ענדיגט זיין רעדע מיט דעם אָנזאָג, אַז ווען מאַרשאַל פּילסודסקי וועט צוריקקומען וועט ער זיך ערשט גענומען צו דער אָפּאָזיציע.

דעפּ. גענעראַל גאַליצא ענטפערט דעם דעפּ. זשולאַווסקי. די אָפּאָזיציע, זאָגט דער גענעראַל גאַליצא, ווילען פאָרשטעלען דעם מאַרשאַל פּילסודסקי ווי אַ בלוט-דורשטיגע חיה. זיי וואָלטען איהם געוואָלט בעזייטיגען פון פּאָליטישען לעבען, אָבער פּילסודסקי וועט נישט פערמאַכען קיין אויג כל-זמן ער וועט נישט אַראָפּנעהמען די קעפּ פון דער אָפּאָזיציע, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען עס וועט זיך נאָר לאָזען.

צוזאמענפאהר פון יודישע בעקער-מייסטער

וואַרשא, 9 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דעם קומענדיגען זונטאָג וועט אין וואַרשא פאָרקומען אַ צוזאַמענפאָהר פון אַלע יודישע בעקער-מייסטערס אין פּוילען.

פּראָפ. פעראיין פון בעקלייד-ארבייטער אין פוילן
אפּטיילונג: 3 אין לאדז.

אַכטונג, מענער = מאנאזין = ארבייטער!

מיטוואָך, דעם 11 פעברואַר, 10 אַ זייגער פריה קומט פאַר אין זאַל אויף וואָלטשאַנסקא 12 (פ.א.מ. 1.ש.מ.)

אַ גרויסע פערזאַמלונג

אַ"א לאָקאַוט פון די מייסטער און אונזער ענטפער

חברים מ. מ. אַרבייטער! מיר מוזען נעמען אַ ווירדיגען ענטפער די מייסטער פאַר זייער חוצפה ינע האַנדלונג פאַר אויסהונגערען און אייל סוורעטע די אַרבייטער אויפ'ן גאַס. מיר מוזען מיט דער גאַנצער ענערגיע אָפּשלאָגען די אַטאַקעס פון די מייסטער און צונישט מאַכען זייערע פּלענער. דעריבער מיר קיין איינער פון אייך נישט פעהלען. אַלע מענער-מאַגאַזין-אַרבייטער אויף דער פערזאַמלונג!

1131 — די אָרגאַניזיר-קאָמיסיע.

פּאָלקס-אוניווערזיטעט
ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדז.

היינט, דינסטאָג, 10/2, 8.30 אָוו. אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלנ. 4)

פּאַרלעזונג

אויף ד. ט.: „דער איינפלוס פון תנ"ך אויף די פּוילישע ליטעראַטור"

פּרעלעגענט: ד"ר ווילהעלם פאַללעס.

די נאָהענטסטע פאָרלעזונג:
שבת, 14/2, 6.30 אָוונד א. לוּבאַשיצקי: „יוצרי התלמוד".

מיין הארציגסטען דאנק

פאַר דער ליבעפולער אויפנאָהמע און פאַר דעם שעהנעם גרויסאַרטיגען יו"ט, וואָס מ'האָט איינגעאָרדענט אין לאָדז צוליב מיין 50-יעהריגען געבורטסטאָג, דריק איך אויס דעם יובילעאום-קאָמיטעט, דער לאָדזער פּרעסע, דעם פערפאַסער און קאָמפּאָזיטאָר פון'ם הימן לכבוד מיין יובילעאום, דעם כאָר און דיריגענט, די דעלעגאַציעס פון די לאָדזער געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען מיך האַרציג בעגריסט, דער דעלעגאַציע פון דער קהלה פון מיין געבורטס שטאָט קוטנאָ, ווי אויך אַלע מיינע פריינד און לעזער, וועלכע האָבען אזא וואַרימען אנטיילגענומען אין'ם דאָזיגען יום-טוב.

לאָדז איז מיר אַלע מאָל געווען נאָהענט און סימפּאַטיש. כ'נעהם איצט מיט די אנגענעהמסטע ערינערונגען וועגען די ליבע לאָדזער און ווינש זיי און אַלע פּוילישע יודען, מיר זאָלען זיך ווידערזעהען ביי בעסערע אומשטענדען און גליקליכערע צייטען.

שלום אַש.

וואָרנונג. זשמחה ווינטרויב, פּיעטריקאָווער 62
אַזוי ווי איך האָב אויסגעשיקט דעם ה' מיט סחורה, האָט ער צוגעכאַפּט דאָס געלד מיט דער סחורה און נישט קיקענדיג אויף די פילמאָליגע וואָרענונגען און טראָץ דעם, וואָס מען איז שוין געוועזען ביי מענשען, וויל ער נישט ערלעדיגען די זאַך, דעריבער וואָרן איך און פאָדער איהם צום לעצטען מאָל אויף, אַז אויב ער וועט נישט אין משך פון 24 שעה די זאַך ערלעדיגען, נעהם איך אַראָפּ פון זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די ווייטערדיגע פאָלגען.

ש. שאפירשטיין, נאַוואָמיעסקאַ 19

Dziś, o godz. 12-ej w poł. jako w pierwszą rocznicę śmierci

b. p. ANNY z POZNAŃSKICH HERTZ

odbędzie się w Synagodze Szpitala nabożeństwo żałobne, na które zaprasza krewnych i znajomych

Zarząd Szpitala fund. małż. Poznańskich w Łodzi.

30.000 פונט פאר דער יודישער אגענץ
האט געגעבען באראן ראטשילד

לאנדאן, 9 (יט"א טעלעגראפיש) באראן ערמינד ראטשילד האט צוגעשיקט דעם פראפ. ווייצמאן 30,000 פונט פאר דער יודישער אגענץ.

ווייטעדיגע ערד-ציטערנישען אין ניי-זעעלאנד

לאנדאן, 9 (ספ. טעל.) אין דער נאכט פון שבת אויף זונטאג האבען זיך איבער'חזרט ערד-שטויסען אין נאפיער און האבען געדויערט זונטאג א גאנצען טאג.

די נייע ערד ציטערנישען האבען אנגעמאכט א ריזיגען מאטעריעלען שאדען.

גרויסע לאנד שטחם ביים ים רוקען זיך ארויס אין וואסער אריין. דער פארט אין נאפיער איז אינגאנצען פערשוואונדען געווארען.

די באפעלקערונג איז בעהערשט פון פאניק ווייל געוואלדיגע כוואליעס רייסען זיך ארויס אויף דער יבשה און דערגרייכען די לאגערען פון די

פאליטישער מארד אין סאפיא

סאפיא, 9 (טי) זונטאג מיטאג, בעת דעם גרעסטען פערקעהר אויף דער פיראט-גאס, איז דערשאסען געווארען דער מאצעדאנישער וואיעוואדע יארדאן גיורסאף. דער דערשאסענער איז געווען די רעכטע האנד פון דעם בעקאנטען טעראריסט איוואן מיכאילאוו אין פירערשאפט פון רעוואלוציאנערען קאמיטעט אין סאפיא.

דער מערדער איז ארעסטירט געווארען.

ענטדעקט א נייע פערשווערונג אין רוסלאנד

קאוונא, 9 (טו) לויט ידיעות פון מאסקווע האט די סאוויעט-רעגירונג ענטדעקט א נייע פערשווערונג. עס זענען געמאכט געווארען מאסען ארעסטען אינצער דער בעשולדיגונג, אז עס איז בעפיהרט געווארען פראפאגאנדא געגען די תבואה ליפערונגען.

"אליאנס איזראעליט" לטובת די פוילישע יודען

פאריז, 9 (יט"א טעלעגראפיש) "אליאנס איזראעליט" האט אסיגנירט 100,000 פראנק פאר ארימע יודען אין פוילען.

געגעבען א הלואה פאר דייטשלאנד
זאגט זיך ארויס די פראנצויזישע עפענטליכע מיינונג

פאריז, 9 (ספ. טעל.) די פראנצויזישע עפענטליכע מיינונג, ווי אויך די פראנצויזישע פרעסע טרעט שארף ארויס געגען דער דייטשער הלואה.

אין שייכות מיט די אינטערפעלאציעס, וואס זענען אריינגעטראגען געווארען אין פארלאמענט מצד די לינקע דעפוטאטען מאנדעל פראנקלין בוי-איאן און דימאט און וואס וועלען בעטראכט ווערען אויף דער דינסטאגדיגער זיצונג פון פארלאמענט, האט לאוואלס רעגירונג צוזאמענגערופען אויף היינט א זיצונג פון מיניסטארען-ראט, בכדי פעסט-צושטעלען דעם שטאנדפונקט פון דער רעגירונג.

סאוויעט-רוסלאנד וועט זיך בעטייליגען אין די ארבייטען פון אייראפעאישען קאמיטעט

מאסקווע, 9 (טו) דער פאלקס-קאמיסאר פאר אויסערליכע ענינים, ליטווינאוו האט מאנטאג ארויסגעשיקט א באטע צום פעלקער-בונד, אין וועלכער ער מעלדעט, אז די סאוויעט-רעגירונג איז גרייט זיך צו בעטייליגען אין די ארבייטען פון אייראפעאישען קאמיטעט.

רעזולטאט פון די וואהלען צו די סאוויעטען אין רוסלאנד

מאסקווע, 9 (או) לויט די לעצטע רעזולטאטען פון די וואהלען צו די סאוויעטען, האבען 97.1 פראצענט ארבייטער, וואס זענען ארגאניזירט אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען בעטייליגט אין די וואהלען. פון די נישט ארגאניזירטע ארבייטער האבען זיך בעטייליגט 81.5 פראצענט.

אין מאסקווער סאוויעט זענען געוועהלט געווארען 66 פראצענט קאמוניסטען און 34 פראצ. אונפארטייאישע.

ווייטערדיגע אונרוהען אויף מאדערא

פאריז, 9 (טאו) פון ליסאבאן מעלדעט מען, אז די לאגע אויף מאדעירא איז ווייטער אנגעשטרענגטע.

ווי בעוואוסט איז אין שייכות מיט דעם אייבפיהרען א מאנאפאל אויף תבואה און מעהל אין מאדעירא אויסגעבראכען א גענעראל-שטרייק, וועלכער האט דערפיהרט צו שטורעמדיגע דעמאנסטראציעס און בלוטיגע צוזאמענשטויסען.

בכדי צו בערוהיגען די בעפעלקערונג האט די מאכט בעשלאסען צייטווייליג אפצוהאלטען דאס אייבפיהרען דעם מאנאפאל. די אויפרעגונג דויערט ווייטער און אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די פארטוגעזישע רעגירונג ארויסגעשיקט קיין פינקאל אויף מאדעירא א קריגס-שיף מיט אנ'אבטיילונג מאשינען געוועהרען.

—:o:—

קאטי וויל נישט צאהלען קיין פאדאטקעס

פאריז, 9 (ספ. טעל.) צו דער סעריע סקאנדאלען אין פראנצויזישען פאליטישען לעבען איז איצט צוגעקומען א נייער סקאנדאל, פון וועלכען דער העלד איז דער בעקאנטער צייטונגס ארויסגעבער און פאבריקאנט פון פודער און פערפומען קאטי. אין יאהר 1920 האט מען אויף איהם ארויפגעלייגט א פאדאטעק פון 10 מיליאן פראנק, פאר קריגס-געווין. קאטי האט א לאנגע צייט אפגעשלעפט מיט'ן בעצאהלען און מען האט איהם דעם שטייער פערקלענערט אויף 3 מיליאן פראנק, אבער אויך דעם שטייער האט קאטי נישט בעצאהלט. ווי עס שטעלט זיך ארויס, האט ער אלע זיינע אונטערנעהמונגען פערוואנדעלט אין אקציען געזעלשאפטען. אליין וואוינט ער אין א האטעל, וואו ער פערנעהמט א גאנצען שטאק, און דעם רעשט כער מעגען האט ער איבערגעשריבען אויפ'ן נאמען פון זיין פרוי.

דער דאזיגער ענין וועט בעטראכט ווערען דורך א פארלאמענטארישע קאמיסיע.

געפאטשט דעם דעפוטאט ניעדזיאלקאווסקי
פאר אנרופען א דעפוטאט „פוילישער פורישקעוויטש"

ווארשא, 9 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין זונטאגדיגען נומער פון „ראבאטניק" איז געווען פערעפענטליכט א נאטיץ וועגען קאמיטעט פון באנ. פון „סטשעלעץ" אין וועלכער דעפוטאט קלעשטשינסקי פון ב. ב. איז אנגערופען געווארען דער „פוילישער פורישקעוויטש". צוליב דער דאזיגער נאטיץ האט דעפ. קלעשטשינסקי היינט אין סיים געפאטשט דעם דעפ. ניעדזיאלקאווסקי, וועלכער איז שעף רעדאקטאר פון „ראבאטניק". דעפ. ניעדזיאלקאווסקי האט איבערגעשיקט קלעשטשינסקי'ן זיין וויזיט-קארטע ד.ה. ער רופט איהם ארויס אויף א דועל.

אין שייכות דערמיט איז פארגעקומען א זיצונג פון פ. פ. ס'שען קלוב אויף וועלכען עס איז אנגענומען געווארען א שארפער פראטעסט געגען די דאזיגע מעראדען פון פאליטישער קאמף, אין דעפ. קלעשטשינסקי'ס טאט איז בעצייכענט געווארען אלס פאליטישער באנדיטיזם.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען נישט צו דערלאזען דעם דעפ. ניעדזיאלקאווסקי צו שלאגען זיך אויף א דועל.

דער ענין וועט אויף אזא אופן איבערגעגעבען אין געריכט.

א גלענצענדע טעה לכבוד דעם גענעראל-קאנסול זבישעווסקי

ווארשא, 9 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט אין אווענד איז אין מאלינאווע זאל פון האטעל „בריסטאל" אין ווארשא, איינגעארדענט געווארען א גלענצענדע טעה לכבוד דעם נייעם פוילישען גענעראל-קאנסול אין ירושלים טיטוס זבישעווסקי.

דאס גלענצענדע טעה איז איינגעארדענט געווארען דורך דער יודישער אגענץ, און עס איז געווען פערטרעטען די בעסטע יודישע געזעלשאפט אין ווארשא. עס האבען געהאלטען רעדעס: לעווינע, נעוו, דעפ. הארטגלאס, פארבשטיין, הינדעס און יאפע.

זעהר א שיינער רעדע האט אויך געהאלטען פראפעסאר באלאבאן, ער האט אנגעוויזען אויף די היסטארישע פעדים וואס פערבינדען ארץ ישראל מיט פוילען.

גענעראל-קאנסול זבישעווסקי האט איין א הערציגע רעדע געדאנקט פאר דער אויפנאהמע.

אין גלענצענדע טעה האט זיך אויך בעטייליגט דער דיכטער שלום אש.

היינט אין פאלגענדע טעג! היינט אין פאלגענדע טעג! היינט אין פאלגענדע טעג!

ריהרענדע אין מיטרייסענדע טראגעדיע פון אינבעוואוסטזיניגע יוגענדליכע געליבטע א. נ.

„פערבאטענע פרוכט"

אין די הויפטראלען: ALBERTINI TAMARA i ROLAND VARNO

נעקסטער פראגראם: 1) „לויט דעם בוכשטאב פון געזעץ" מיט Madge Belamy (2 „טעה פאר דריי" מיט Alice Bringle

Kino-Teatr
Spółdzielnia
40 Sienkiewicza 40

אנהויב פון די סעאנסען אין גען. טעג 4 נאכמ. שבת זונטאג און יום-טוב 2 נאכמ. לעצטער סעאנס 10 אווענד אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען די פרייזען פון אלע פלעצער צו 60 גראשען.

די שענסטע
פאטאגראפישע אויפנאהמען

און סאלידע אויספיהרונג איז נור אין דעם עסטלאסיגען קונסט-פאטאגראפישען אטעליער

„PARISIEN"

אינה: ה. סראקא, פראנציסקאנער 30.

6 שטיק רעטושירטע פאטאגראפיעס נור 3 זל.

עס ווערען אויסגעפערטיגט אלערליי ארבייטען, וואס אנבעטרעפט פאטאגראפיע, צ.ב. רעפראדוקציעס פון מאלער בילדער, מאשינען, ארכיטעקטור בילדער, פאבריקס-לאקאלען אינטעריער און אויסערן-אויפנאהמען, פעראיינס גרופע-בילדער, בעלער, באנקעטען, ארכיטעקטורישע קאנזערוואציען. טשאטאריען פאטעלוגנען א.ז.וו. אלע אין פאל ואהמען ווערען אויסגעפיהרט דורך מיר פערזענליך. ספעציאליסט פון פארטרעטען, ווי אויך א גרויסע אויסוואהל פון פערשידענע ראהמען צו זעהר ביליגע פרייזען.

צופאהר מיט טראמוואי 1, 6, 14. מיט אכטונג

Zakł. Fotogr. „PARISIEN"
wł: H. SROKA
Łódź, Franciszkańska 30.

DR. MED. **H. LUBICZ**

ספ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנק.
אויף צעגעלניאנא 43, טעל. 141 32
עמפפאנגס שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8 זונטאג און יו"ט 9–1. פאר דאמען בעזונדערער ווארטע-זאל.

DR. MED.
L. Pikielny

אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאז און אירין-קראנקה.
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעמט אן פון 12–1 און פון 7– 4 אווענד.

Dr. med. **N. ROZEN**

סטאמאטאלאג
קראנקהייטען פון דויאנסטיס, גומעי, ציינער א.א.וו ציין-רעגולירונג, רענטגען-דיאגנאסטיק.
אנדזשעיא 7, טעל. 216-57.
עמפפאנגס-שעהן' פון 3–7 נאכמ.

Doktór **KLINGER**

ספעציאל-ארצט פאר ווענערישע, הויט און האר-קראנקהייטען
ANDRZEJA 2, tel. 132-28
נעהמט אן פון 9–11 פריה און פון 5–8 אווענד און פון 1–2 נ"מ אין דער „לעטשניצע פיעטריקאווער 62"

Dr. Z. Rakowski

ספ. פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קראנקה.
9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 127-81.
שפרעכשטונדען פון 12–2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—5.

Lr. med.
W. Eychner

גינעקאלאג-אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאן 134-72
נעמט אן פון 2–3 נאכמ. און פון 7½–9 אווענד.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווי בער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס אין פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, א-ער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם פוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קילעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גומענע היל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען טריאפעסאר-דאקטאר בראכורעוואנג בעוויזען זיכער דעם שוערסטען און געפעהרליכסטען

בראך. אויך פאר הויקערס ריימונגען מיט היל-גארטעלען און אפאראטען פאר פערקרומטע פוס און פלאטפוס ספעציעלע אינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענט, געזעצטע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע ערטער.

עמפפאנגס פון 9 ביז 1 ביטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 10, tel. 221-77, front, parter,

בעמערקונג: דאס ערזונגליכע ערשטען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר בעראנעש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר ב. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע. מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין טיפענליכע דאנקבארקייט דעם ה' דירעקטאר י. ראפאפארט, ארטאפעד, וועלכער האט אין לאדז וואלטשאנסקא 10, פאר אפעראטען מיך פון מיין צוליב גוט רע רופטור-קראנקהייטען. דער פערלעגטע באנדאזש פון זיין פעטערע פערנוי מיך איצט פון רופטור-וועהטאגען. ה' דירעקטאר האט נישט אפגעלאזט זיינע ענער פילע דאמאלס, וועז אלע האבען שוין געווארפען אין מיין לעבען און פאר די דאזיגע איבערגעגעבענהייט דאנק איך איהם הערציג.

Boruch Mallerman.

לאדז. 10 פעברואר 1931

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז 10 פעברואר 1931

זיגזאגעז
אין דער יודישער סיים-פאליטיק

אין אונזער סיים-פארשטעהערשאפט איז ניט אלץ כשורה, און דערהויפט טאקע דערפאר, ווייל זי איז צושפליטערט אין דריי חלקים, ריכטיגער: אין פיר חלקים, ווייל דעפ. גרינבוים איז דאך א בריה בפני עצמה, וואס ווערט אפילו ניט בטל באלף.

די קאלא, וואס בעשטעהט פון גאליציאנער דעפוטאטען, איז לאיאל צו דער רעגירונג און האט אין דער שוועבעלען-פראגע געשטימט פאר דער הלוואה. אין דער זעלביגער צייט אבער האבען זיי מרחיק געווען פון זיך די יודישע בעבע-דעפוטאטען, וועלכע זענען דאך געקומען צו זייער מאנדאטען דורכ'ן וואונש פון דער רעגירונג צו דערנעהנטערען זיך מיט יודען. אויך דער אגודה-דעפוטאט איז א פראדוקט פון א פערלאנג צו א דערנעהנטערונג צווישען יודען און דער רעגירונג, און אויך ער איז געבליבען מחוץ למחנה.

איצט האט די רעגירונג געוואלט אנהויבען אונטערהאנדלונגען מכוח א פערשטענדיגונג, האט זי פערקניפט א קאנטאקט דווקא מיט די קאלא-דעפוטאטען. אבער אז אינמיטען דערינען האט אין סענאט געטראפען א מכשול מיט די צארישע בעגרעניצונגען, וועלכע מ'האט ניט געוואלט מבטל מאכען, זענען די קאלא-פארשטעהערס, פאר כעס, שוין ניט געקומען צו די ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען.

דאס זענען אלץ זיגזאגען, געבראכענע ליניעס, וואס קענען צו קיין ציל ניט ברענגען.

וואס האט די רעגירונג געמיינט דערמיט, וואס זי האט פערפיהרט אונטערהאנדלונגען דווקא מיט דער קאלא און ניט מיט איהרע אייגענע דעפוטאטען? צי האט זי דערמיט מודה געווען, אז די יודישע בעבע-דעפוטאטען רעפרעזענטירען ניט דעם פאלק? הייסט עס דאך, אז זי אליין אנערקענט איהר דערנעהנטערונג-אקציע בעת די וואהלען פאר דורכגעפאלען; הייסט עס, אז קיין שום דערנעהנטערונג מיט יודען איז ניט פארגעקומען. און אויב אזוי, איז מען דאך נאך אין א ברוגז-צושטאנד. האט מען אפשר דעריבער יאקע אפגעלייגט די אפשאפונג פון די צארישע בעגרענצונגען ביז דאמאל, ווען מ'וועט ווערען חבר מיט די אמתע רעפרעזענטאנטען... און אזוי ווי די אמתע רעפרעזענטאנטען זענען ווידער ברוגז פאר אט דעם אקט גופא, איז עס דאך יענע מעשה מיט'ן ווייסען עקסעל, וואס בעמט קיינמאל קיין סוף ניט.

צי וואלט ניט אנדערש געווען, ווען אלע יודישע פארשטעהערס וואלטען געווען חברותא ציוניסטען זיך?

מיר האבען פערשטאנען דעם באיקאט מצד דעפ. גרינבוים, וואס האלט די שיטה פון שטענדיגער אפאזיציע. אבער וויבאלד, אז די גאליציאנער דעפוטאטען שטימען אליין פאר רעגירונג-פראיעקטען, וואלט מען דאך געדארפט בלויז אדורכפיהרען, אז די בעבע-דעפוטאטען זאלען אין יודישע פראגעס קענען שטימען יודיש, און דאמאלס איז דאך שוין קיין נפקא מינא נישטא.

אמת, די יודישע בעבע-דעפוטאטען האבען געשטימט געגען די פערבעסערונגען פון דער קאלא בנוגע יודיש און העברעאיש ביי דער פראגע פון אפשאפען די יודישע בעגרענצונגען. אבער מיר קענען ניט גלויבען, אז דאס זאל זיין צוליב פרינציפיעלע חלוקי-דעות; גיכער איז עס געווען אנ'ענין פון טאקטיק און ס'איז קיין ספק נישט, אז ביי א געהעריגער קאנסאלידאציע וואלט דערצו נישט געקומען.

און ביי א קאנסאלידאציע פון אלע יודישע כוחות אין פארלאמענט וואלט די רעגירונג נישט געפיהרט קיין אונטערהאנדלונגען מיט א גרופע, נאר מיט אלעמען, מיט'ן כלל-ישראל. ס'וואלט געהייסען, אז יודען בכלל געהען אויפ'ן וועג פון פערשטענדיגונג, דאמאלס וואלט מען זיכער געקענט פערהיטען די פאטאלע אפשטימונג פון סענאט, וואס איז שוין מסתם אין די בעבע-קרייזען געווען בעקאנט נאך פאר דער זיצונג, און ס'וואלט צום ברוגז נישט געקומען.

פ. ק.

די גאנצע מאכט דעם פרעזידענט
וואסערע ענדערונגען איז דער קאנסטיטוציע פיהרט ארייז דער פראיעקט פון דער סאנאציע

אין א דעפעשע פון ווארשעווער קארעספאנדענט ברענגט דער „בערלינער טאגעבלאט" א רשימה פון די ענדערונגען, וועלכע דער סאנאציע-קלוב וויל איינפיהרען אין דער קאנסטיטוציע, לויט דעם פראיעקט וואס איז שוין אריינגעטראגען געווארען דורכ'ן קלוב אין סיים אריין. די ענדערונגען זענען פאלגענדע:

דער וואהל-עלטער ווערט געהעכערט ביי די וואהלען צום סיים פון 21 יאהר אויף 24. אלע אפיצירען און סאלדאטען בעקומען וואהלרעכט.

די מאכט פון מלוכה-פרעזידענט ווערט פערשטארקט דורך פאלגענדע בעשטימונגען:

ביים וועהלען דעם פרעזידענט ווערען הערויסגעשטעלט צוויי קאנדידאטען, איינער דורכ'ן סיים און דער צווייטער דורכ'ן אפטרעטענדיגען פרעזידענט. די וואהלען קומען פאר אויפ'ן סמך פון אלגעמיינעם און גלייכען וואהלרעכט.

דער געוועהלטער פרעזידענט גיט אפ די שבועה בלויז פאר דעם פארלאמענט נאר אין דער רוימיש-קאטאליישער קירכע.

דער פרעזידענט בעשטימט די מיניסטארען לויט זיין אייגענעם איינזעהן, און אהן קאנטראסיגנאציע.

דער פרעזידענט האט דאס רעכט בייצוואוינען די קאבינעט-זיצונגען, נעמליך אלס פארזיצער.

דער פרעזידענט בעשטימט דעם פארזיצער פון דער העכסטער קאנטראל - קאמער, וועלכער איז פעראנטווארטליך נאר פאר דעם פרעזידענט (און נישט ווי ביז איצט פאר'ן סיים).

דער מלוכה-פרעזידענט האט דאס רעכט לויט זיין איינזעהן צו באמינירען אפיצירען און אהן קאנטראסיגנאציע.

דער פרעזידענט האט דאס רעכט אין פאל פון א קריג איבערצונעהמען די אנפיהרונג מיט דער ארמעע.

דער פרעזידענט ענטשיידעט לויט זיין איינזעהן און אהן רעקורס וועגען עווענטועלע אנקלאגעס אויף די וואהלען.

דער פרעזידענט האט דאס רעכט צו באמינירען איין דריטעל פון דער צאהל סענאטארען.

דער פרעזידענט האט דאס רעכט איבערצורייסען די פארלאמענט-זיצונגען און אפלעגען זיי אויף זעכציג טעג.

דער פרעזידענט האט דאס רעכט אויפצולעזען דעם סיים און סענאט אהן א פארשלאג פון קאבינעט.

דער פרעזידענט איז נישט מחויב ווי ביז איצט צו בעשטימען אין משך פון 90 טאג ביי'ן וואהלען אין פאל, ווען דער סיים ווערט פונאנדערגעלאזט.

דער קארעספאנדענט פון „ב.ט." גיט דערביי צו, אז באלד ווי די ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע וועלען דורכגעפיהרט ווערען, וועט פילסודסקי לאזען דורכפיהרען די פרעזידענט-וואהלען און ער וועט אליין קאנדידירען אויף דעם דאזיגען אמט.

די שעהנהייטס-קעניגין פון פראנקרייך
וועלכע איז אויך געוועהלט געווארען אלס „מיס אייראפא"

אין פאריז זענען פארגעקומען די וואהלען פון „מיס אייראפא". אלס דאס שעהנסטע מיידעל אויפן יאהר 1931 איז אנערקענט געווארען די „מיס פראנקרייך". ס'איז איינטערעסאנט, ווי אזוי די לעצטע איז געוועהלט געווארען. די וואהלען זענען פארגעקומען אין דער רעדאקציע פון דער ציימונג „זשורנאל", וואוהין עס זענען זיך צונויפגעקומען 180 קאנקורענטקעס אויף צו בעקומען דעם טיטול פון שעהנסטען מיידעל אין פראנקרייך.

דאס זשורי איז בעשטאנען פון א רייהע בעריהמטע קינסטלער, מאלער, סקולפטארען, דעקאראטארען, זשורנאליסטען און שריפטשטעלער.

די 180 פרעטענדענטקעס, וועלכע זענען פערגאנגענע פאר'ן זשורי, האבען מיט זיך מארגעשטעלט פערשידענע טיפען פון פראנצויזישער שעהנהייט, און זיי זענען געקומען פון אלע ווינקעלעך פון פראנקרייך. ביים אפשאצען די שעהנקייט פון די קאנדידאטקעס איז דער זשורי ארויסגעגאנגען פון דריי געזיכטספונקטען: די שעהנקייט פון פנים און פון זיין אויסדרוק, די אלגעמיינע פראפארציע פון קערפער און די מאראלישע אייגענשאפטען פון די קאנדידאטקעס. די אויפגאבע פון זשורי איז געווען נישט קיין לייכטע.

די פרעצעדור פון די וואהלען איז געווען א לאנגע אונערמידליכע סיי פאר די פרעטענדענטקעס סיי פאר די ריכטער. צוערשט זענען פון דער גרויסער צאהל אויסגעמיידלט געווארען 25 מיידלעך. דא איז פון דער צאהל געבליבען זיבען. ענדליך איז די דעציזיע פון זשורי פערעפענטליכט געווארען: אלס „מיס פראנקרייך" אויפ'ן יאהר 1931 איז אויסגעוויהלט געווארען פרייליין זשאנע זשוסעל, א פראנצויזער מיידעל פון גאסקאן, איינעם פון די שענסטע ווינקעלעך אין פראנקרייך.

ביי דער ידיעה, אז זי איז געוועהלט געווארען, האט זיך דאס מיידעל צעוויינט און איז געפאלען פון די ארעמס פון איהר מוטער, א שניידערין פון אושעו. מ'האט איהר מיטער גיך אפגעזמונטערט. מיט שטראהלענדיגע אויגען האט זי אפגעפאדערט דאס פנים'ל אין א גליקליכע האט זי געגעבן אנ'אינטערוויו די פערזאמעלטע זשורנאליסטען.

די ערשטע פראגע איז געווען וועגען סיפ"ס. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי האט זעהר ליב טענץ. ערשט נאך פאקסטראט געהט ביי איהר שפיגעלן און שווימען.

אין ליטעראטור איז זי ענטציקט פון די ראמאנען פון מרים דעקאברא און ווייגע העלרינס. צו סטענע און קינא ציהט איהר אבסאלוט ניט.

דער פייערליכער באנקעט אין לאנדאן
לכבוד דער יובילעאום פון פרעז. נחום סאקאלאוו
אנטייל פון פוילישען אמבאסאדאר סקירמונט

לאנדאן, (י.ט.א.) אונטער'ן פארזיץ פון ד"ר וויי מאן איז אין סאוואי-האטעל פארגעקומען א פייערליכער באנקעט לכבוד דעם יובילעאום פון 70-יעהריגען געבורטסטאג פון נחום סאקאלאוו. אין דעם באנקעט האבען זיך בעטייליגט פיל בעקאנטע פערזענליכקייטען, צוו. אנד. דער פוילישער אמבאסאדאר סקירמונט, ד"ר חיים ווייצמאן, הרב הכולל ד"ר הערץ, סער דזשאן ראסעל, ת. נ. ביאליק, דיפ. דניאל האפיק, פראפ. בראדעצקי און הארי סאקער.

בגריסונגס-דעפעשען זענען ערהאלטען געווארען פון פראפ. אלבערט איינשטיין, פעליקס ווארבורג, סער הערבערט סאמועל א. א.

נחום סאקאלאוו פעראייניגט אין זיין פערזאן — האט ד"ר ווייצמאן ערקלערט אין זיין ערעפנונגס רעדע — א שטאטסמאן, א געלעהרטען מיט ענציקלאפעדישען וויסען, א לינגוויסט פון ערשטען ראנג. א מענש פון טאטען, וועלכער בילדעט א סינטעזע פון פאעטישען און נביאישען גייסט מיט אנ'עקזאקטער, וויסענשאפטליכער דענקונגס-ארט. סאקאלאוו געהערט צו די זעלטענע פערזענליכקייטען, וועלכע סינטעטיזירען די ווערטפולסטע יודישע און העברעאישע טראדיציעס מיט די דערגרייכונגען פון דער מאדערנער ציוויליזאציע.

ד"ר ווייצמאן דערצעהלט ווייטער, מיט וואס פאר א בעגייסטערונג מען פלעגט אין די ווייטסטע יודישע שטעטלעך לעזען סאקאלאוו'ס ארטיקלען אין „הצפירה". די ארטיקלען האבען געבראכט אין יודיש'ן געטא גרויסען פון דער ווייטער וועלט. סאקאלאוו איז געווען איינער פון די ארכיטעקטען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג און האט פיל מיטגעווירקט צום ערפאלג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג נאך דער מלחמה.

נאכדעם נעמט דאס ווארט דער פוילישער אמבאסאדאר סקירמונט, וועלכער ווינשט אין ווארימע ווערטער סאקאלאוו'ן פיל ערפאלג אין זיין ווייטערער ארבייט.

עס האבען נאך גערעדט הרב הכולל ד"ר הערץ, סער דזשאן ראסעל א. א.

צום סוף האט גענומען דאס ווארט דער יובילאר נחום סאקאלאוו.

צו ערשט — האט סאקאלאוו געזאגט — וויל איך אויסדריקען מיין טיפע דאנקבארקייט דעם ד"ר ווייצמאן. מיר ביידע זענען פעראייניגט אין א גרויס ווערק פאר אונזער פאלק, אין איינעם פון די וויכטיגסטע מאמענטען פון דער יודישער געשיכטע אין גלות. איך ווייס, ווי שטארק עס איז אייער שטרעבונג, וויפיל איך קומט אויס געדולדיג צו ליידען און ווי גרויס עס זענען אייערע ביז איצטיגע, און איך האף, אויך אייערע צוקונפטיגע דערגרייכונגען. מיר לעבען איבער שווערע צייטען. איך גלויב אבער, אז עס וועט קומען אנ'ענדערונג אין דער פאליטישער לאגע און די גערעכטיגקייט וועט זיגען.

איך וויל אויך — האט ווייטער ערקלערט נחום סאקאלאוו — אויסדריקען מיין וואריימסטען אנערקענונג דעם פוילישען אמבאסאדאר פאר זיינע וואונשען.

פוילען איז פאר אונז טייער אלס א סימבאל פון זיג פון נאציאנאלען אידעאל, אלס לאנד, וואו עס לעבען העכער 3 מיל אן יודען, אלס לאנד פון אונזערע חלוצים. זאל פוילען פראספערירען אין פראגרעס, גערעכטיגקייט און פריידען.

מיט יעדען טאג פון מיין לעבען איז דער ציוניזם געווען פאר מיר אלץ וואונדערפולער און ווינדערער. עס קומט אויס דורכצולעבען טונקעלע טעג. מען דארף אבער האבען אמונה און סדור. דער אמת און גערעכטיגקייט וועט טריומפירען. עס איז נישט מעגליך, דאס די טרעהרען, שווייס און בלוט פון אונזערע אבות און פון אונזער יוגענד זאלען געהען לאיבוד. עס איז נישט מעגליך, אז אונזער געשיכטע זאל זיך ענדיגען אין כאאס פון פערפאלגונג און צושפרייטונג. אונזערע געגנער האלטען דעם ציוניזם פאר א חלום. דאס איז א חלום אזוי לאנג, ווי די יודען געפינען זיך אין שלאף, ווען די יודען דערוואכען, ווערט דער ציוניזם א רעאליטעט.

ווי עס ענטשטעהט אנ'עלילת-דם-אפערע
די בעשולדיגונג שטיצט זיך אויף בבא-מעשיות

פראג. (י.ט.א.) דער ארגאן פון דער „ליגע פאר מענשען-רעכט" אין טשעכאסלאוואקיי „און פוק" פערעפענטליכט אויסציהרליכע אויסצוגען פון די געריכטס פראטאקאלען פון פראצעס וועגען דער ריטואל מארדע אין וועלקא-בערעזנא. דער עדות פערהער בעווייזט בולט, דאס דער גאנצער בעשולדיגונגס-אקט שטיצט זיך אויף אויסגעטראכטע בבא-מעשות פון 2 שול-קינדער, וואס זענען דורך זיי ערצעהלט געווארען אונטער'ן דרוק פון געוויסע גלטערע פערזאנען.

דער פראצעס איז איצט ארייין אין א נייעם סטאדיום, ווייל די אויספאורשונג איז איבערגעגעבען געווארען אן אנדער ריכטער און עס איז צו ערווארטען, אז דער גאנצער אונטערשלאק פון דער אפערע וועט אויפגעקלערט ווערען.

יודישער כעמיקער בעקומט א מעדאל פאר כעמישע ענטדעקונגען

שיקאגא. (יט"א) דער יודישער כעמיקער פייבוש אהרן לעווין האט דא בעקומען א מעדאל פון דער אמעריקאנער כעמיע געזעלשאפט. ד"ר לעווין איז איינער פון די הויפט-מיטארבייטער פון ראקפעלער-אינסטיטוט. דעם מעדאל האט ער בעקומען פאר זיינע דערגרייכונגען ביים אמוענדען כעמיע צו ביאלאגישע פראבלעמען.

3 שניידער-יוניאנס אין ענגלאנד פעראייניגט אין איין נאצ. יוניאן
די נייע יוניאן וועט האבען א האלב מיליאן מיטגלידער

לאנדאן, 8 (כפ. טעל.) ס'איז פארגעקומען א פעראייניגטע קאנפערענץ צווישען די עקזעקוטיוועס פון דריי יוניאנס: „טיילארס און גארמענט ווארקערס יוניאן", „אמאלג. מייטעד סאסייטי אף טיילארס" און די „יונייטעד לידיס טיילארס טרייד יוניאן" מיט דעם צוועק צו שאפען איין יוניאן פון די דריי, וואס וועט טראגען דעם נאמען „די נאציאנאלע יוניאן פון שניידער-און קליידער-ארבייטער".

די אלע דריי יוניאנס האבען א מיטגלידערשאפט פון א האלבען מיליאן א בייטער.

די פעראייניגטע גרויסע יוניאן וועט אנהויבען איהר טעטיגקייט אנהויב 1932, דאס הייסט אין עלף מאנאטען ארום און זי האט אויפצוטוהן זעהר פיל צו גונסטען פאר די שניידער-ארבייטער.

ניַיער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

ניַיער פאלקסבלאט

דינסטאג 10 | כג שבט תרצ"א

פעברואר
זון-אויפגאנג 7.12
זון-אונטערגאנג 4.27

דרינגענדע אונטערשטיצונג פאר ארבייטסלאזע

(א) מאָנטאָג דעם 9 פעברואר האָט זיך אנגעהויבען די רעגיסטראַציע פון אַרבייטסלאָזע פיזישע אַרבייטער אויף דרינגענדע הילפס און אויף בעהייצונגס-שטיצע. דאָס רעכט אויף שטיצע האָבען די אַרבייטסלאָזע, וועלכע 1) האָבען אויסגעשעפּט די געזעצליכע אונטערשטיצונג פון אַרבייטסלאָזען-פאָנד נאָכ'ן 1 יאַנואַר 1930; 2) בעקומען נישט קיין געזעצליכע אונטערשטיצונג פון אַרבייטסלאָזען-פאָנד בעת'ן „טויטען סעזאָן" פון 15 דעצעמבער 1930 ביז'ן 1 מערץ 1931; 3) וואָס נעמען נישט קיין געזעצליכע שטיצע פון אַרבייטסלאָזען-פאָנד און זענען זייט'ן 1 יאַנואַר 1930 געווען בעשעפטיגט ווייניגסטענס 4 וואָכען אין אַרבייטס-אָנשטאַלטען, וואָס אונטערליגען דעם געזעץ וועגען פערזיכערונג פון אַרבייטסלאָזיגקייט און 4) די וואָס זיינען נאָכ'ן 1928 י. געאַרבייט ווייניגסטענס 6 חדשים אין אַנשטאַלטען וואָס אונטערליגען דעם געזעץ וועגען פערזיכערונג פון אַרבייטסלאָזיגקייט.

קיין רעכט אויף אונטערשטיצונג האָבען די אַרבייטער וואָס וואוינען אין לאָדז ווייניגסטענס זייט'ן 1 יאַנואַר 1930, האַלטען אויס אַ פאַמיליע, האָבען נישט קיין פערמעגען, האָבען נישט קיין הכנסות וואָס זענען גלייך אָדער גרעסער פון דער שטיצע, בעקומען נישט קיין שטיצע פון דער קראַנקען-קאַסע און בעקומען נישט קיין אינוואַלידען-רענטע.

די רעגיסטראַציע וועט פאָרקומען אין לאָקאַל פון אונטערשטיצונגס-אַמט פאַר אַרבייטסלאָזע אויף דער גאַס פון 28 שיסער פּולק 82 פון 9 פריה ביז 2 בייטאָג

היינט, דינסטאג – G H I J
מיטוואָך – K L Ł
דאָנערשטאג – M N O
פרייטאג – P R S
שבת – T U W Z Ż

דרינגענדע אונטערשטיצונג פאר סעזאן-ארבייטער

(מ) היינט דינסטאג וועט אין אונטערשטיצונגס-אַמט אויסגעצאָהלט ווערען די מלוכה'שע דרינגענדע אונטערשטיצונג פאַר די וואָס האָבען זיך געמעלדעט דעם 26 יאַנואַר סעזאָן-אַרבייטער און די אַרבייטסלאָזע פיזישע אַרבייטער ביי וועלכע מ'איז פון 27 ביז 31 יאַנואַר 1931 פאָרגעקומען אַ הויז-קאָנטראָלע, די אויסצאָהלונג וועט פאָרקומען פון 3 ביז 6 אָוונד.

אין מאי וואהלען צום שטאט-ראט

(ב) אין שטאָט האָבען זיך נעכטען פערשפּרייט קלאַנגען, אַז די אויפזיכטס-מאַכט האָט בעשלאָסען אין מאַי אָדורכצופיהרען וואַהלען צום לאָדזער שטאָט-ראָט, די גאָהענטסטע טעג זאָל דער שטאָט-ראָט וועגען דעם בעקומען די אָפיציעלע מיטטיילונג.

אכטונג הויז-בעזיצער

נעכטען האָט די שטעטישע סטאַראָסטווע אַרויסגעשיקט אַ פעראָרדנונג צו אַלע הויז-בעזיצער, אַז זיי זאָלען אויף אַלע הייזער, פּלאַצער א. א. וו. אַרויסהענגען טאַבליצעס מיט נומערן, אין הויז גופא מוזען אַלע וואוינונגען נומערירט ווערען. די נומערן דאַרפען איבער די וואוינונגען אַרויסגעהאָנגען ווערען אויף אַ ווייס בלעכעל, אויף יעדען איינגאַנג דאַרף אויסגעהאָנגען ווערען אַ טאַבליצע מיט די וואוינונגס-נומערן.

אין איינגאַנג ביים טויער דאַרף אויסגעהאָנגען ווערען אַ רשימה פון אַלע לאָקאַלען און ס'דאַרף אויסגערעכענט ווערען ווער ס'וואוינט אין זיי, אין דער רשימה דאַרף אויך פערצייכענט ווערען דער נאָמען פון דעם, וואָס פיהרט די מעלדונגס-ביכער.

די פעראָרדנונג דאַרף אָדורכגעפיהרט ווערען ביז'ן 31. מערץ.

אויסגלייכס-אפמאכע
טעגליכע כראניק פון האנדעלס-געריכט

יוזעף פרענקעל (פּאָרלעשנאָ 4) איז אין מערץ 1930 ערקלערט געוואָרען פאַר באַנקראָט. דעם 17 יאַנואַר איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די קרעדיטאָרען: פרענקעל האָט פאָרגעשלאָגען צו באַצאָהלען 15 פראָצ. פון די חובות: 5 פראָצ. אין 5 חדשים און 10 פּראָצ. אין אַ יאָהר אַרום. די קרעדיטאָרען האָבען דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

דאָס געריכט האָט דעם אָפּמאַך בעשטעטיגט און האָט דעם באַנקראָטירטען פרענקעל צוריקגעשטעלט אין זיין סוחרישער עהרע.

* * *

אין דעצעמבער 1929 י. זענען ערקלערט געוואָרען פאַר באַנקראָט די מיטאינהאַבער פון דער פירמע „יצחק נאָלדבערג און פינקוס היימאַן" אין אַלעקסאַנדער. דעם 30 דעצעמבער 1930 איז געשלאָסען געוואָרען אַ רעגולאַציע-אָפּמאַך אויף 30 פראָצ. צאָהלבאַר אין 3 יעהרליכע ראַטעס. די פירמע „קאַראָל בענדאָרף" האָט דערלאַנגט אַן'אָפּאָזיציע. דאָס געריכט האָט די אָפּאָזיציע נישט אַנערקענט און די באַנקראָטירטע צוריקגעשטעלט אין זייער סוחרישער עהרע.

* * *

מאָריצי הענדעלעס (פּעטריקויער 50) האָט רעגולירט מיט זיינע קרעדיטאָרען אויף 20 פּראָצ. צאָהלבאַר באַלד. דאָס געריכט האָט דעם אָפּמאַך בעשטעטיגט.

בקשה אפצושאפען דעם ארויספיהר-צאל פאר פוך און פעדערען

(2) ווי בעקאַנט האָט דאָס מיניסטעריום יעצט געשטעלט אַן'אַרויספיהר-צאָל פאַר פוך און פעדערן אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער געפליגעל-הענדלער פעראיין (פּאָמאָרסקאַ 17) זיך געווענדעט מיט אַ מעמאָריאַל צו די מיניסטעריומס פאַר האַנדעל און אַגראַר. אין'ם מעמאָריאַל ווערט אָנגעוויזען אַז צוליב דעם צאָל האָט דייטשלאַנד איהרע איינקויפען אָנגעהויבען מאַכען אין רומעניען און רוסלאַנד און לאָדז פערלירט דעריבער 200.000 דאָלאַר יעהרליך. די עטליכע פאַבריקען וואָס זענען איצט געשאַפען געוואָרען אויף צו רייניגען די פעדערן וועלען די סיטואַציע נישט ענדערן. אין אויסלאַנד זענען די פּרייזען געפאַלען אויף 30 פּראָצענט, ביי אונז אויף 66 פּראָצענט.

דער פעראיין בעט דעריבער אָפּשאַפען דעם בעשלוס וועגען איינפיהרען דעם צאָל און צוזאַמענרופען אַ קאָנפערענץ אויף אויפצוקלערען די [illegible].

רייכע זיהן—איינברעכער
מען האָט זיי געכאַפּט אין מיטען „דער ארבייט"

(2) אויף מאַניסטראַצקאַ 20 וואוינט דער פאַביאַניצער ריכטער יאַן לעוואַנדאָווסקי אין דער צווייטער טיר וואוינט זיין שוועסטער העלענאַ.

נעכטען אין אָוונד האָט פר. העלענאַ דערהערט עפּעס אַ פּערדעכטיגען שאָרך, אין דער וואוינונג פון איהר ברודער און ווען זי איז אַריין אַהין האָט זי געטראָפען צוויי פּערזאָן ביים אויפברעכען אַ שלאָס. איינער איז באַלד אַנטלאָפען דעם צווייטען האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד אָבער אויך ער האָט זיך אַרויסגעריסען און אַנטלאָפען, זי האָט איהם אָבער בעוויזען אָנצוקוקען.

דערווייל האָט פּאָליציי ייגזין גאַס בעמערקט לויפען צוויי פערדעכטיגע פערזאָן, און זיי פערהאַלטען. אין די פערהאַלטענע האָט העלענאַ לעוואַנדאָווסקאַ דערקענט די איינברעכער. ביי וועלכע די פּאָליציי האָט צוגענומען אַן'אייזערנע שטאַנג.

די פערהאַלטענע האָט מען אָפּגעפיהרט אין 5-טען פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט און דאָרט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פערהאַלטענע זענען דער 20 יאָהריגער וויקטאָר בזשיסקי אַ זוהן פון היינבזשער אויף פּילסודסקי 35 (מיטאינהאַבער פון דער מעכאַנישער זאָקען-פאַבריק בזשיסקי און ווייסקאָהל פּילסודסקי 25), דער צווייטער איז דער 20-יעהריגער אַברהם לייב קופּערוואַסער, קאַמיענגאַ 18 אַ זוהן פון אַ צוועררגריי-איינהאַבער.

ביידע זענען איבערגעשיקט געוואָרען צום אויספאָרשונגס-ריכטער.

געהיימניספולער מארד איז בזשעזשין
ארויסגעוואָרפען דעם ערמאָרדעטען אויף דער גאַס.—ארעסטירט עטליכע פערדעכטיגע
רויב-מארד, אדער צופעליג דער'הרגעט?

(—) נעכטען איז אין קאָלאָניע פּאַראַ הינטער בזשעזשין דערמאָרדעט געוואָרען דער בזשעזשינער איינוואוינער אַלעקסאַנדער טוואַרעק. טוואַרעק איז געווען אַ פריינד פון פערשטאָרבענעם לענאַרט און ווען יענער איז געשטאָרבען האָט ער זיך אינטערעסירט מיט זיין פרוי און אַרויסגעהאָלפען איהר ער פלעגט זי בעזוכען יעדען זונטאָג. היינטיגען זונטאָג בעת טוואַרעק איז געווען ביי דער לענאַרט איז צווישען איהם און די אַנדערע געסט ענטשטאַנען אַ סכסוך, בעת וועלכען טוואַרעק איז ערמאָרדעט געוואָרען. די געסט האָבען אַרויסגעטראָגען דעם טויטען קערפּער אויף דער גאַס און זענען פערשוואונדען. אַרום 1 בייטאָכט האָבען דעם קערפּער געפונען פערבייגעהער און אַלאַרמירט די פּאָליציי.

באַכגעהענדיג נאָך די בלוט-סמנים זענען זיי געקומען צו דער וואוינונג פון פרוי לענאַרט. נאָך אַ קורצען פערהער האָט זי זיך מודה געווען, אַז דער מאָרד איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין איהר הויז.

די פּאָליציי האָט פערהאַלטען עטליכע פערדעכטיגע, וועלכע זי פערדעכטיגט אין אויספיהרען דעם מאָרד. טוואַרעק איז געווען אַ רייכער פויער און עס איז פערהאַן אַ פערדאַכט אַז דער מאָרד איז אויסגעפיהרט געוואָרען צוליב רויב-צוועקען.

אומגליקספאל אין א פאבריק

(2) אין דער פאַבריק פון קאַרל טורנער איז נעכטען געשעהען אַ קאַטאַסטראָפע, די אַרבייטערין מאַריאַ קאָנדראַטשיק האָט געדאַרפט אַרויס אין ביוראָ און האָט זיך געוואָלט אַראָפּלאָזען פון 4-טען שטאָק מיט דער ווינדע. ביי דער טיר פון דער ווינדע האָט זי פערפיהרט עפּעס אַ שמועס מיט אַ צווייטער אַרבייטערין קאַשעלעווסקאַ. קאָנדראַטשיק האָט געעפענט די טיר און געוואָלט אַריין אין דער ווינדע נישט בעמערקענדיג אַז די ווינדע שטעהט אונטען, זי איז אַראָפּגעפאַלען פון דער הויך פון 4-טען שטאָק אין פּאַרטער און האָט זיך צובראָכען אַ פוס, אַ האַנד, עטליכע ריפּען, ס'האָט ביי איהר אויך געפּלאַצט דער שאַרבען. די אַרויסגערופענע פּאָגאָטאָוויע האָט איהר אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין קרייז-שפּיטאָל.

פערקלענערט דעם פלייש-פערברויך

(מ) אין פערלויף פון פערגאַנגענעם יאָהר זענען אין די לאָדזער שחט-הייזער געשחטען געוואָרען 42 862 בהמות (אין 1929 – 47.081) 90,434 קעלבלעך (אין 1929 י. – 87.734) 7876 שעפּסען (אין 1929 י. 14.765) 113.512 חזירים (אין 1929 י. – 140 943). ווי מ'זעהט איז דער פערברויך פון רינדער-פלייש שטאַרק געפאַלען אין פערגאַנגענעם יאָהר, דאָס ערקלערט זיך מיט דער אַלגעמיינער אַרבייטסלאָזיגקייט און מיט דעם אומשטאַנד, וואָס מ'האָט פיל געגעסען געפליגעל, ווייל צוליב דעם פערקלענערטען אויספיהר איז דער אָנגעבאָט פערשטאַרקט געוואָרען.

די פערגרעסערטע צאָהל קעלבלעך נעמט זיך דערפון, וואָס די פויערים האָבען צוליב דער שלעכטער ווירטשאַפטליכער לאַגע געזוכט פטור צו ווערען פון זיי.

זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטש 20
מאָנטאָג, דעם 16 ד. ח. 8.30 אָוונד
איינציגער אויפטריט
פון בעריהמטען קינסטלער-רעציטאַטאָר
הערץ גראָסבאַרד
וואָרט-קאָנצערט
בילעטען שוין צו בעקומען ביי דער קאַסע

יודיש פאלקס-טעאטער, זגערזשער 17 טעל. 193-03
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאַן.
מיט'ן אנטייל פון דער ניי-אנגאַזשירטער סובּרעטע רעגינא בוימאַן, בעוואוסטער אַרטיסט מ. דראַגנאָוו, בעקאַנטער אַרטיסט ה. באַלבירסקי, י. טופּמאַן.
גרויסער שטורמישער ערפאָלג! הונדערטער מענשען זענען אוועק אָהן בילעטען!
היינט, דינסטאָג, ד. 10-טען, מיטוואָך, ד. 11 טען, 9 אין אָוונד
פּרעמיערע! צום ערשטען מאָל אין לאָדז! פּרעמיערע!
די גלאָקען פון סיביר
אין 4 אַקטען מיט געזאַנג פון רייזעלמאַן.
בעמערקונג: אין 3-טען אַקט קומט פאָר אַ קאַבּאַרעט מיט'ן אנטייל פון גאַנצען אַרטיסטען-אַנסאַמבל. טענץ אויסגעפיהרט פון ב. לייבאָוויטש.
אָוונט-פּרייזען פון 1 ביז 3, פּאָפּולערע פּרייזען פון 80 ביז 2.50
ס'נעהמט אנטייל פרויען: בעזמאַן, בוימאַן, פּאָדערמאַן, ראָזענצווייג. מענער: באַלבירסקי, גוטמאַן, גאָלדבערג, דראַגנאָוו, טופּמאַן, נייהויז, פּאָלאָנסקי, פּאָסטאָל, לעווקאָוויטש.
טעכנ. לייטער: ה. גוטמאַן, סופלער: וו. נייהויז. אַדמיניסטראַטאָר: נ. גאָלדשטיין.
ליכט-עפעקטען: י. שולמאַן. אַרטיסט. מאָלער: ביאַלעצקי. דעקאָראַציעס: ה. ליטוואַק.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון פאָלקס-טעאַטער.
אין פאָרבערייטונג: „מאַן, ווייב און שלאַנג" און „לעבעדיגע יתומים"

„פון פאָלק ביז איך אַרויס און צום פאָלק געהער איך"

ריהרענדע רעדע פון שלום אש אויף דער גראַנדיעזער אַקאַדעמיע אין פילהאַרמאָניע

ווי מיר האָבען שוין בקיצור מיטגעטיילט איז די זויטאָגדיגע אַש־אַקאַדעמיע אויסגעפאַלען זעהר אימפּאָזאַנט, דער זאַל איז געווען הוכשטעבליך איבערפולט. אין פּרעזידיום זענען געווען די רע־דאַקטאָרען: י. אונגער, לאַזאַר פוקס, י. קאַהאַן, פאָרזיצער פון יוו״א ד״ר ווישעוויאַנסקי, דירעק־טאָר ש. ריגער, וויצע־פאָרזיצער פון ציוניסטי־שען קאָמיטעט ה׳ לימאַן, ד״ר עלענבערג, ש. ראַ־זענשטיין, פרוי רעזניק, משה העלמאַן, די טריבונע האָבען פאַרנומען די פאָרשטעהער פון עטליכע צוואַנציג אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וועל־כע זענען געקומען בעגריסען דעם יובילאַר. די אָרדנונג אין זאַל האָבען געהאַלטען די מיטגלי־דער פון „לעגיאָן אויפ׳ן נאָמען פון בערעק יאָסע־לעוויטש".

די ערעפענונגס־רעדע האָט געהאַלטען דער סעקרעטאַר פון די לאָדזער זשורנאַליסטען רעד. י. אונגער, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גרוי־סער ראָל פון שלום אַש אין דער יודישער ליטע־ראַטור, אויף דער גרויסער דערגרייכונג און אָנער־קענונג, וועלכע דער יובילאַר האָט זיך דערוואָרבען אין דער גרויסער פרעמדער וועלט. די דאָזיגע דערגרייכונג איז נישט נאָר אַ דערגרייכונג פונ׳ם בעל־יובל, נאָר אַן אַלגעמיינע דערגרייכונג פון דער יודישער ליטעראַטור, פונ׳ם יודישען פאָלק. דער רעדנער בעגריסט דעם יובילאַר און ווינשט איהם נאָך פיל יאָהרען פון נוצליכער אַרבייט צום רוהם פון יודישען פאָלק.

אַ קורצע אָפּשאַצונג פון אַש׳ן דעם דיכטער, וואָס איז פערבונדען מיט דער פּוילישער ערד, און אַ בעגריסונג לכבוד די נישט־יודישע געסט, וועלכע זענען געקומען בעגריסען דעם יובילאַר (פאָרשטעהער פון וואָיעוואָדזטווע, שטעטישע סטאַ־ראָסטווע, פּרעזידיום פון שטאָט־ראַט, פּוילישער שטעטישער טעאַטער (דירעקטאָר גאַרטשינסקי), אַל געמיינער זשורנאַליסטען־סינדיקאַט (רעד. גומקאָוו־סקי) א. אַנד.) האָט געהאַלטען אין פּויליש ד״ר עלענבערג. נאָכדעם האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען שלום אַש דעם דיכטער, דעם טוער און שטענדיגען אָפּטימיסט — יצחק קאַצענעלסאָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די ערשטע שריט פון יובילאַר, אויף זיין דרייסטען שטרעבען און דער־גרייכונגען. דער יובילאַר — זאָגט דער רעדנער, — האָט אין זיך אָפּגעשפּיגעלט דעם איינהאַלט פון זיין פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו לעבען און שאַפען. אַ יודישער דיכטער קען שאַ־פען נאָר דאָרט, וואו ס׳זענען פערהאַן גרויסע יודישע מאַסען. אַש האָט טאַקע געשאַפען אין פּוי־לען און דאָ׳ לאַנד דאַרף זיין גליקליך, וואָס האָט אַרויסגעגעבען פאַר דער וועלט אַזאַ זוהן ווי שלום אַש. פאַר דער דרויסענדיגער וועלט דאַרף מען נישט קיין גאַנצען שלום אַש, זאָגט דער רעדנער, דאָרט איז גענוג אַ טייל פון שלום אַש, אַ קלייגער טייל. מיר יודען דערפאַר דאַרפען האָבען אַ גאַנצען שלום אַש, דעם, וואָס האָט געשאַפען די אַלע ווערק ווי ביז איצט. דאָס וואונדערבאַרסטע ביי אַש׳ן איז זיין פערנעהם, זיין הויכער דרייסטער פליה, ער שלאָגט אונז גלייך אין די ערשטע קאַ־פּיטלען פון זייגע ווערק. די הויפּטזאַך איז אָבער, וואָס אַש איז אַנדערש ווי אַלע שריפטשטעלער, אַלע האָבען אָנגעהויבען מיט פּאָזע דאַן זענען זיי געוואָרען עכט, אַש האָט באַלד אָנגעהויבען עכט און ערנסט.

אין נאָמען פון אַלגעמיינעם זשורנאַליסטען־סינדיקאַט אין לאָדז, פון דער יודישער סעקציע ביים סינדיקאַט און פון דער געזעלשאַפט פריינד פון יוו״א בעקומט דאָס וואָרט רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס.

דער רעדנער ווייזט אָן, אַז די גרויסע קאַמ־פען פאַר דער עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פון דער יודישער ליטעראַטור געהערען צו דער פערגאַנגענ־הייט, די ווערק פון אונזערע גרויסע שרייבער, אַזעל־כע שעדעווערען, ווי „אַ שטעטעל", „יאַנקעל גנב", „אָנקעל מאָזעס", די טרילאָגיע פון אַש׳ן זענען זייע־לען, אָן וועלכער עס צושמעטערען זיך די אָנפאַ־לער, אַרויסווייזענדיג זייערע אייגענע פּסעוודאָ־אינטעליגענץ און איגנאָראַנץ.

דער רעדנער, בעט ביים יובילאַר איהם צו ער־לויבען אַ פערגלייך: פונקט, ווי מאָטקע גנב, איז די יודישע ליטעראַטור אַ קינד פון ליידענשאַפטלי־כער ליבע און ליידענשאַפטליכען האַס. פונקט ווי מאָטקע, האָט די יודישע ליטעראַטור געזוכט אַ פּאָס אויף פרייען פערקעהר. שלום אַש האָט דעם פּאָס געגעבען, און נישט נאָר אַן׳איגערליכען, נאָר אויך אַן׳אויסערליכען, פערזעהען מיט אַ פּאַק וויזעס צו אַלע שפּראַכען און ליטעראַטורען.

רעד. פוקס ציטירט נאָמבערג׳ן, וועלכער האָט אַמאָל געפרעגט וועגען אַש׳ן: וואָס זינגט ער אַזוי פיל? איז דען דאָס לעבען אַזוי פרעהליך און די וועלט אַזוי שעהן? אָדער אויך ער, דער גרויסער סקעפּטיקער נאָמבערג האָט געמוזט בויגען דעם קאָפּ פאַר דער וואונדערבאַרער שעהנקייט, וואָס ליגט אין אַש׳ס שאַפונגען.

דער רעדנער כאַראַקטעריזירט דעם שעהנהייט צויבער, וואָס ליגט אין אַש׳ס ווערק און שטעלט זיך דאַן אָפּ אויף דער בעדייטונג, וואָס דער יובי־לאַר האָט פאַר דער יודישער זשורנאַליסטיק און וויסענשאַפט, און פערענדיגט, אַז אין לאָרבער־קראַנץ פון ליבע און אָנערקענונג, וואָס ווערט דורך פיל הענד אונטערגעטראָגען דעם יובילאַר, דאַר־פען די שעהנסטע בלעטער זיין פון דער יודישער זשורנאַליסטיק און פון דער יונגער יודישער וויסענ־שאַפט.

אַ שעהנע בעגריסונגס־רעדע האָט געהאַלטען דירעקטאָר פון שטעטישען טעאַטער גאַרטשינסקי (פּויליש), דערמאָהנענדיג, אַז די ערשטע אויפ־פיהרונג פון אַש׳ס שטיק איז פאָרגעקומען אין נאַציאָנאַלען פּוילישען טעאַטער אין קראָקא, האָט דער רעדנער אָנגעוויזען, אַז אַש איז מיט טויזענ־דער פעדים פערבונדען מיט דער פּוילישער ערד, און ער האָט עס געלאָזט פיהלען און הערען ביי צעהנדליגער געלעגענהייטען. אַש׳ס ליבע צו פּוילען רייסט זיך ביי איהם איבעראַל אַ דורך. ער ווינשט דעם יובילאַר נאָך לאַנגע יאָהרען פון אַרבייט צום רוהם פון דער יודישער ליטעראַטור און פון דער פּוילישער ערד, וואָס האָט איהם געבראַכט און דערצויגען.

נאָכדעם האָבען בעגריסט ה׳ לימאַן אין נאָ־מען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קרן־היסוד און ק״ק (העברעאיש און יודיש). ד״ר פּידיי־ליך פון „התאחדות" (העברעאיש), ראַטמאַן מאַרעק פיין, פּרעזידיום פון שטאָט־ראַט (יודיש), אַ פאָר־שטעהער פון דער קונער קהלה (יודיש) פרוי רעז־ניק פון וויז״א (העברעאיש), ש. שוואַרצבערג, פון צענטראַלען האַנדווערקער־פערבאַנד (פּאָלודניאָוואַ 4) האָט געוואונשען, אַז די סעריע יובילעאום פייע־רונגען פונ׳ם גרויסען יודישען דיכטער זאָלען ווערען פאַר אויסען אַ מאַניפעסטאַציע פאַר רעכט פון דער יודישער שפּראַך און קולטור, פאַר דער רעכט פון דער יודישער שול.

אין נאָמען פון די רעכטע פּועלי־ציון האָט בע־גריסט דעם יובילאַר ה׳ קרוי. ס׳זענען אויך אָנגע־קומען אַ רייהע שריפטליכע בעגריסונגען: פון רע־דאַקציע „נייער פאָלקסבלאַט", „ל. טאַגעבלאַט", יו־דישען פען־קלוב, העברעאישען שרייבער־פעראיין, וואַרשע—לאָדז, „אררט", פון ח.נ. ביאַליק, פון תל־אביב׳ער שטאָט־ראַט, פון הסתדרות העובדים א.א.

נאָכדעם האָט בעקומען דאָס וואָרט דער בעל־היובל. ער הויבט אָן פון דעם, וואָס ער איז טיף גערירט פון דעם אַלעם, וואָס מ׳האָט דאָ יועגען איהם געזאָגט, פון די אַלע וואונשען, דער רעדנער האַלט, אַז ער איז עס נישט ווערט: ער פערזענליך איז נאָר די פערקערפערונג פונ׳ם קאָלעקטיוו, פון דער גרויסע מאַסען אומבעקאַנטע און אומבעוואוסטע. ער איז דער שליח־ציבור און ער גלויבט, אַז די יודען האָבען צו פערווירקליכען אַ ספּעציעלע מיסיע. דאָס בעפליגעלט איהם אין זיין אַרבייט. ער געהערט דעם גאַנצען פאָלק און נישט קיין שום פון זיינע גרופּען, אָדער פאַרטייען. פון פאָלק ביז איך אַרויס און צום פאָלק געהער איך רופט אויס דער רעדנער.

מיט פיל האַרץ און איבערגעהמונג רעדט ער וועגען דער צוריסענקייט, וואָס הערשט אין יודישען פאָלק, און ער רופט אויס פיל מאָל קומט איהם דער געדאַנק, אַז הלואי וואָלט ער ווי פיל פון זיינע גרוי־סע פאָרגעגנגער אַוועק פון דער וועלט און נישט גע־דאַרפט זעהען מיט זיינע אויגען די צוריסענקייט, דעם פירוד, וואָס ס׳קומען פאָר אין יודישען געזעל־שאַפטליכען לעבען.

אָפּשטעלענדיג זיך אויף לאָדז האָט דער רעד־נער בפרט אונטערגעשטראָכען, אַז ער איז פון קליינוויז אָן פערבונדען מיט דער שטאָט, צו וועל־כער ס׳האָט איהם אין די קינדער־יאָהרען געצויגען און וואו ער האָט שפּעטער פיל געזעהען און גע־לערענט.

שטאַרק איבערראַשט דעם זאַל, האָט די ער־קלערונג פונ׳ם דיכטער, אַז פאַר איהם איז נישט וויכטיג, אין וועלכער שפּראַך דאָס פאָלק זאָל און וועט זיך אויסלעבען.

נאָך דער רעדע איז ערקלערט געוואָרען אַ פּויזע און דערנאָך איז פאָרגעקומען דער קאָנצערט טייל, אין וועלכער ס׳האָט אַנטיילגענומען דער כאָר אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. פּייווישיס, ביי דער קלאַוויר־בעגלייטונג פון פּרל. לאַקס און צום סוף האָט ה׳ מאָשקאָוויטש רעציטירט איבעריגע זאַכען פון שלום אַש.

בעת דער פּוילישער רעדע פון ד״ר עלענבערג און די העברעאישע רעדעס זענען אין זאַל געמאַכט געוואָרען אויסגעשרייען „יודיש"!, עטליכע מאָל איז געקומען צו אַ שטאַרקען טומעל און דעם פּרע־זידיום איז מיט גרויס מיה אָנגעקומען צו בערו־היגען דעם גרויסען עולם.

ביינאַכט איז אין גערולדס רעסטאָראַן פאָרגע־קומען אַ באַנקעט, אין וועלכען ס׳האָבען זיך בעטיי־ליגט פאָרשטעהער פון דער זשורנאַליסטיק, געזעל־שאַפטליכע טוער און אינטעליגענץ. טאָאַסט־מייס־טער איז געווען ה׳ לימאַן. טאָאַסטען האָבען געהאַל־טען: רעד. לאַזאַר פוקס, ה׳ מאָשקאָוויטש, רעד. בזשוסטאָווסקי, י. גיפּס, קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָהן ד״ר סאָרנע א. אַנד.

ביי שעהן־סערווירטע טישען האָט דער עולם פערבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

* * *

בעכטען ביינאָכט האָט דער דיכטער אין בע־גלייטונג פון ה׳ גיטערמאַן, רעד. אונגער, די ה״ה: לימאַן, ראָזענשטיין און דעם יונגען שריפטשטעלער בערלינסקי בעזוכט אונזער רעדאַקציע. ווען דער דיכטער איז אַריינגעקומען אין אונזער לאָקאַל איז דער גאַנצער הויף געוואָרען פערפולט מיט מענשען. ס׳איז געווען אַ געוואַלדיגער אָנלויף פון יודען יונגערע און עלטערע, וועלכע האָבען געוואָלט זעהן דעם דיכטער פון דער נאָהענט.

שלום אַש האָט געהאַט אַ געלעגענהייט איבער צולייענען דאָס בוך פונ׳ם יונגען שריפטשטעלער בערלינסקי „אין דרויסען" און איז פון איהם גע־וואָרען ממש ענטציקט, איהם בעכטען ספּעציעל אויפגעזוכט און מיט איהם פערבראַכט במעט דעם גאַנצען טאָג, אַוועקפאָהרענדיג האָט ער בערלינסקין פערשפּראָכען זיין מיטהילף, וואו ער וועט זי דאַר־פען.

בילגער מאַכען די מיטאָגען אין די רעסטאָראַנען

(2) אין וואָיעוואָדזטווע איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ מיט די פאָרשטעהער פון די רעסטאָ־ראַטאָרען וועגען פערקלענערען די פרייזען. ס איז אַרויסגעזוכט געוואָרען דער פאָרשלאָג, אַז די אָפּ־ציעלע מיטאָגען זאָלען קאָסטען 1 זלאָטי און די איבריגע פרייזען זאָלען פערקלענערט ווערען אויף 20 פּראָצ.

די פאָרשטעהער פון די רעסטאָראַטאָרען האָבען ערקלערט, אַז זיי קענען אַליין נישט דע־צידירען און וועלען זיך ווענדען צו זייערע פער־איינען.

פאַרפאַלען

פייגע קראַל 40 יאָהר אַלט איז נעכטען גע־פאַלען אויף לאַגעוויצקאַ און זיך צובראָכען די ריכטע האַנד. פּאָגאָטאָוויע האָט איהר ערשטע הילף.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט־דיזשורען

(2) קאַצפּער־קעוויטש (זגערזשער 54), שיט־קעוויטש (קאָפּערניק 26), זינדלעוויטש (פּיעטרקאָ־ווער 25), סאָקאָלצוויטש און שאַט (פּשעיאַזד 19), ליפּעץ (פּיעטרקאָווער 193), ריכטער און לאַבאַדאָ (11 ליסטאָפּאַד 86).

אַ געהאַנגענער אין וואַלד

(—) אין וואַלד ביים דאָרף פּאָווליקאָוויץ צווישען פּאַביאַניץ און לאַסק האָט מען געפינען הענגען אַ מענש פון אַ יאָהר 50. אין טאַש ביי איהם האָט מען געפינען אַ סערוועטקע מיט צייכענס ס. וו. קיין שום דאָקומענטען האָט מען ביי איהם נישט געפינען. מ׳האָט דעם טויטען אָפּגעפיהרט אין טויטען־שפּיטאַל ביים שפּיטאַל אין לאַסק.

פאָרלעזונג פון ד״ר וו. פאָלדעק

אין דער פאָלקס־אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

היינט דינסטאָג, 8.30 אָווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגיעלניאַנאַ 4) אַ פאָרלעזונג פון דער פאָלקס־אוני־ווערזיטעט א. ד. ט. „דער איינפלוס פון תנ״ך אויף דער פּוילישער ליטעראַטור". רעפערירען וועט דער באַקאַנטער ליטעראַט און טעאַטער־קענער ד״ר ווילהעלם פאָלדעק.

די פאָרלעזונג וועט פאָרקומען אין דער פּוי־לישער שפּראַך.

זאַל פילהאַרמאָניע

זונטאָג, דעם 15. ד. ח. 8.30 אין אָווענד

א גרויסער קאָנצערט פון יודישע פאָלקס־לידער, חסידישע ניגונים און פאָלקס־הומאָר

פון די בעריהמטע און פּאָפּולערסטע פאָלקס־זינגער, זאַמלער און פערשפּרייטער פון יודישען פאָלקס־ליד

זמרה זעליגפעלד און מ. קיפּניס

אין זייער רייכען און נייעם טריאומף־פּראָגראַם.

ביים קלאַוויר: אינגענאַצי שטע־לינג.

אַ גאַנץ נייע פּראָגראַם פון די פּאָפּולערסטע פאָלקס־לידער, רעזיטען און פאָלקס־באַלאַדען. קינדער־לידער, פּאָעטישע לידער, חסידישע ניגונים, מקראבאָזע מאָטיוען און פאָלקס־הומאָר.

בילעטען פון 1—4 זל. שוין צו בעקומען אין פילהאַרם.־קאַסע

ערלויבנישען אויף צו פאָהרען קיין ארץ ישראל

לעצטענס זענען דורכ׳ן צענטראַלען פּאַלעסטי־נא־אַמט בעשטעטיגט געוואָרען אויף צו פאָהרען קיין ארץ ישראל לויט סערטיפיקאַטען פאָלגענדע פערזאָנען, וועלכע האָבען בעקומען המלצות פון זייערע קרובים אין ארץ ישראל:

בעריליגסקי משה צבי, ראַזענצווייג משה לייב, פּאָס אברהם, יורקעוויטש ישראל יצחק, גאָלדרייך אברהם יהודה, קאָנער לייב, ראָזענפעלד דוד, וואָלקאָוויטש ח

אויסער דעם זענען בעשטימט געוואָרען אַלס קאַנדידאַטען אויף צו בעקומען סערטיפיקאַטען נאָך פאָלגענדע פערזאָנען:

מאַטלעס דוד, דרעסלער חיים דוד, קאַרפּיצקי (ק־זשעפּיצקי?) עקב יוסף, לעווין משה, זילבער־שעץ יעקב יצחק, רובין ליבער, שפּירא ח.

די דערמאָנטע פּערזאָנען דאַרפען זיך ווענדען אין היגען ארץ ישראל־אַמט (צעגעלניאַנאַ 4) כדי צו ערלעדיגען די נויטיגע פאָרמאַליטעטען.

אָווענד פון פאָלקס־מוזיק

אין „וויזא"

היינטיגען מיטוואָך וועט אין „וויזא" פאָרקומען אַן אָווענד פון יודישע פאָלקס מוזיק, מיט דער בעטייליגונג פון אָנגעזעהענסטע יודישע קינסטלער.

פון „אררט"

היינט דינסטאָג געהט ווייטער אין „אררט" צו ביליגע פרייזען דער פּראָגראַם „דאָס רעדעל דרעהט זיך". אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג 9.45 אין אָווענד.

מאָרגען מיטוואָך, שפּילט „אררט" אין טאָ־מאַשאָוו.

היינט גרויסער פילהאַרמאָנישער קאָנצערט

היינט דינסטאָג, 8.30 אָווענד קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע זאַל דער דריטער הזכסט אינטע־רעסאַנטער קאָנצערט פון פילהאַרמאָנישען אָרקעס־טער. דאָס מאָל וועט דיריגירען צום ערשטען מאָל אין לאָדז דער בעריהמטער קאַפּעלמייסטער בראָ־ניסלאַוו וואָלפּשטאַהל און אַלס סאָליסט ווער־אַרויסטרעטען דער בעריהמטער יונגאָסלאַווישער פידלער זלאַטקאָ באַלאָקאָוויץ.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

דינסטאָג, ד. 10 פעברואַר

11,58 צייט־סיגנאַל, 12,05 גראַמאַפאָן־פּלי־טען, 13,15 טאָג פּראָגראַם, 15,35 ליפּטעל ה מינוט 15,50 די אויפרופען פון די קריגס־פיהרענדי־מיוכות צו פּאָלאַקען אין 1914, 16,15 גראַמאָפאָן פּליטען, 17,15 די ענגי ווילקינג אין געשיכטע פון קאַריקאַטור (פאָרלעזונג), 17,45 פּאָפּולערער סימ־פאָנישער קאָנצערט, 18,45 פערשידענעס, 19,10 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס־קאַמער פּראָגראַם אויף מאָרגען, 19,25 גראַמאָפאָן־פּליטען. 19,35 ראַדיאָ זשורנאַל, 19,50 טראַנסמיסיע פון גרויסען טעאַטער אין וואַרשא — אָפּערע „ד פערל פאַנגער" פון ביזע. נאָך דער אָפּערע קאָמו־ניקאַטען, רעפּראַנסמיסיעס פון אויסלענדישע סטאַ־ציעס.

היינט און פאָלג. טעג!

דער פרעכטיגסטער קאָנג־פילם־רעווי־שלאַגער פון פּויליש אמעריק. פּראָדוקציע

Metro-Goldwyn Mayer

רעווי פון האָליוואָוד

עס נעהמט אנטייל: 200 פון די שעהנ־סטע און געשיקטעסטע גירלס און 4 בעריהמטסטע וועלט־קאָמיקער!

LAURY — HARDY — SLIM — ARTUR

און דער שפּיץ דערקענונג פון הומאָר

Buster Keaton

פּוילישע לידער וועט זינגען

Hanka ORDONÓWNA,

קאָנפערענסיערען אין פּויליש

Karol HANUSZ

די הויפּטראָלען קרעאירען:

John Gilbert, Conrad Nagel, Anita Page, John Crawford, N. Schearer, Bessie — Lowe, M. Davies i inni. —

נייעסטע מיוזיקאַל. שלאַגערן / הומאָר / — וויצען / ס׳גאַנצע מייסטערווערק —

אָנהויב אין וואָכענטליכע טעג 4.30 אַבענדס שבת און יום־טוב 1 און זונטאג ביינאַכט

פּאָפּולערע פּרייזען.

לאָדזער יוד. קאַמער־טעאַטער

נייער „אררט"

אין ווייסען זאַל

מאָנטייפעל זאַכאַדניאַ 43

קינסטלערישער לייטער: משה בראָדערזאָן.

לייטער: א. בעזמאַן

היינט, דינסטאָג 9.45 אין אָווענד

א גרויסע פאָלקס־פאָרשטעלונג

צו פּאָפּולערע פּרייזען פון 80 גר. ביז 3 זל

פּראָגראַם נומער 4 א. נ.:

ס׳רעדעל דרעהט זיך

אין 2 טיילען, 12 נייע שלאָגערס

טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, דער טונקעלער און אַנדערע.

מוזיק: ה. רובין, נ. ביינעלמאַן.

דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: י. ברוינער,

טענץ און פּלאַסטיק: ז. קרושובנאַ און ס. שלפרן.

רעזשי — וואַשינסקי, שומאַכער. מוזיק־לייטער — ה. רובין, ליכט־עפעקטען — יעראַן. בינע־בעלייכטער — ט. קא.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון 11 — 2 בייטאָג און פון 5 אָוו. שבת און יום־טובים א גאַנצען טאָג

טעאטער, קינא און מוזיק

וועכענטליכע אפטיילונג

דער אייביגער וואנדערער—דער יודישער אקטיאר

.2

האט אנ'אקטיאר אפגעשפילט א סעזאן, איז ער שוין פאר אונז אנ'איבעריגער און מיר ווילען שוין זעהען אנ'אנדערען אויף זיין ארט. און איז געקומען א גרויסער שוישפילער און איז אין איין ראלע געווען אביסעל שוואכער, האט ער ביי אונז פערשפילט איינגאנצען. מען פערגעסט, אז די גרעסטע וועלט־אקטיארען מאכען עטליכע קרעאציעס, וואס שאפט זיי דעם נאמען און נאכדעם זענען זיי שוין וו מען זאגט „געמאכטע מענשען", מיט א פערטיגע קאריערע. קוים האבען זיי בעוויזען עפעס צו שאפען, גרויסעס וועט שוין זייער נאמען נישט פערגעסען ווערען. ביי אונז אבער בעציהט מען זיך מיט גלייכגילטיגקייט און אפט מיט אכזריות צו טאלאנטען, וואס פערנעמען אדער האבען פערנומען א חשובן ארט אין אונזער טעאטער־וועזען.

דערצו דעם וואלט זיך אונז תמיד ווילען זעהען נייעס: נייע פיעסען, נייע אויפפיהרונגען, נייע אויסשטאטונגען, נייע אקטיארען. מיר פערגעסען אונזער ארימקייט און אז מיר אליין גיבען זייער ווייניג. אבער פאדערונגען און פערלאנגען האבען מיר זעהר גרויסע. אונזער אפעטיט איז אנ'אומבעגרעניצטער.

קען מען זיך, למשל, פארשטעלען, אז א ליטווישער, לעטישער, עסטנישער אדער א פוילישער טעאטער־בעזוכער זאל פערלאנגען יעדען סעזאן אנדערע אקטיארען אויף דער סצענע? אדער ער זאל וועלען זעהען יעדע פאר חדשים נייע גרויסע „סטארען"? העכסטענס געהט אריבער אנ'אקטיאר פון איין טעאטער אין אנדערען. א בעדייטענדיגער אקטיאר פון א נישט גרויסען פאלק און אפילו פון די גרעסערע פעלקער לעבט אפ זיין גאנצען לעבען אין דער הויפט־שטאט פון זיין מלוכה, פון וואנען ער פאהרט ארויס זעלטען אויף גאסטראלען איבער דער פראווינץ און נאך זעלטענער ערגעץ ווייטער. סיידען די גאר גרויסע אקטיארען מיט וועלט־נעמען, וואס האבען דערגרייכט אנ'אינטערנאציאנאלע פאפולאריטעט. אזוי ארום קומט אויס דעם צוזעהער כסדר צו זעהען אייגענע און די זעלביגע אקטיארען אין משך פון יאהרען און קיינער פון זיי וועט נישט פערלאנגען, מען זאל די אקטיארען פערבייטען. און האט שוין איינער דערגרייכט בעריהמטקייט און פאפולאריטעט, וועט ער שוין בלייבען דער אייביגער ליבלינג פונ'ם עולם, וועט שטענדיג זיין ארומגערינגעלט פון פערעהרער און בעוואונדערער, וועט בעשטענדיג אויפגענומען ווערען אין סאלאנען. ביי די אומות־העולם א גרויסער ארטיסט ווערט מאנכעס מאל געגליכען און דערהויבען שיער נישט צו א נאציאנאלען העלד. ער איז דער שטאלץ פון דער אומה, מיט וועלכען אלע צאצקענען זיך. און ביי אונז? — ביי אונז יעגען נאך היינט פערהאן א סך, וואס בעטראכטען דעם אקטיאר פאר א פורים־שפילער, פאר א מין אנשי־קעניס, וואס מען נעמט נישט ערנסט און מען רעכענט זיך קנאפ מיט איהם.

מען וואלט א סך געקענט שרייבען וועגען אונזערע בעציהונגען בכלל צו קונסט און קינסטלער, אבער דאס וואלט צו ווייט פערפיהרען. עס יוילט זיך נאר ארויסזאגען די בעוואונדערונג פארן יודישען אקטיאר, וועלכער נישט געקוקט אויף דער אטמאספערע, מיט וועלכער ער איז ארומגערינגעלט נישט געקוקט אויף די נישט פרעהליכע פערספעקטיווען, איז ער אומערמידליך און שפילט, זינגט, טאנצט און פערווילט אונז אויף פערשידענע אופנים און האט צו אונז קיין טענות נישט.

און מיר? — מיר ווארפען זיך, זענען תמיד קאפריזנע און האבען בסדר טענות און מענות און פערלאנגען פון איהם, אליין איהם ווייניג געבענדיג.

דערצעהלען טאקע יודישע אקטיארען אז אין ערגעץ האבען זיי נישט אזוי גוט, ווי אין די ווייטע לענדער, צווישען די פערוואגלטע יודען. ווען זיי וואלטען נאר וועלען בלייבען דארטען, וואלט זיי גארנישט געפעהלט. זענען דאך אבער יודישע אקטיארען וואנדערער און חוץ דעם ווילט זיך זיי גאר אויך זיין נעהנטער צו זייערע היימען. זענען זיי אפ חדשים אדער א יאהר־צוויי אין די ווייטע מקומות און קומען צוריק אהיים, כדי צו בענקען נאך יענע ווייטע מקומות און ווייטער צו וואנדערען כאטש פון שטאט צו שטאט און פון איין שכנותדיגער לאנד אין דער צווייטער.

דער אייביגער וואנדערער — דער יודישער אקטיאר...

מ. קיטאי.

הערץ גראסבארט
צו זיין ווארט־קאנצערט אין לאדז

די לעצטע יאהרען איז גראסבארטס קומען קיין לאדז געוואָרען א געשעהעניש, וואס רופט ארויס אנ'איבערראשונג ביי אלעמען, אפילו ביי די, וואס זייער יודישקייט איז אונטער א גרויסען פראגע־צייכען. אזוי איז שוין דער כח פון אנ'אמת'ען קינסטלער.

און אזא קינסטלער איז גראסבארט. א צויבערער, וואס ווייס דעם סוד צו שפילען אויף די סטרונעס פון מענשליכע הערצער, ארויסרופנדיג די טיפסטע עמאציעס, אפילו אין פערשטארטע הערצער און פערדארטע מוחות.

ווער קען נאך אזוי אינטערפרעטירען די שאפונגען פון די גרעסטע און בעסטע יודישע ווארט־קינסטלער, ווי ה. גראסבארט? ווער קען זיי אזוי פערשטעהן און געבען צו פערשטעהן, פיהלען, ווי גראסבארט דער ווארט צויבערער? מיט זיין מוזיק שאפט ער פון געוועהנליכע דערצעהלונגען, פאסירונגען — שעדעווערען און ליטעראַרישע סימפאניעס.

און ווי אנדערש קען מען אנרופען זיינע שאפונגען אויף דער ביהנע, ווען דורך די קלאנגען ברעגט ער ארויס בילדער, איבערלעבונגען. און וואלטען איהם געהערט די מחברים, וואלטען זיי אליין אפשר נישט פערשטאנען, פארוואס ביי גראסבארט'ן קומט ארויס אזוי פיל עקספרעסיע לעבען אין זייערע אפטמאל פון אויבנאויפיגע קוק גאנץ געוועהנליכע זאכען, פארוואס בעקומט זיך אנ'אילוזיע פון גאנצע דראמאטישע פארשטעלונגען.

דאס איז דער צויבער פון גרויסען טאלאנט, וואס דיכטעט איבער אויף זיין אופן, אויף זיין קינסטלערישען לשון דאס, וואס אנדערע האבען געשאפען, און ער האט עס בעהויכט מיט געדאנק, מיט אטעם, מיט אימפעט, מיט פארבען. מיט ניואנסען.

הערצן גראסבארט'ן איז א גרויסער גייסטיגער גענוס, פון וועלכען ס'איז שווער זיך אפצוזאגען.

ה. א.

שפאסען פון יודישען טעאטער

דער „מליץ יושר" אדער „רבי יאזעלמאן"

אמאליגע צייטען פלעגען פיעסען אין יודישען טעאטער טראגען צוויי נעמען. געווען, צום ביישפיל, א פיעסע, האט זי געהייסען: „גבריאל אדער בינקע־פינקע". אנ'אנדערשטיק האט געטראגען דעם נאמען „זשוראפליי־זשוראפליא אדער עשרה הרוגי מעשה".

וואס, דאכט זיך, האט „זשוראפליי־זשוראפליא" צו טון מיט עשרה הרוגים? גארנישט, נאר אזוי איז שוין דעמאלסט געווען און אזוי האט מען זיך נעפיהרט. געווען א פיעסע. וואס האט געהייסען דער „מליץ יושר אדער רבי יאזעלמאן". מיט עטליכע און צוואנציג יאהר צוריק איז עס געווען איינע פון די פאפולערסטע שטיק אין יודישען טעאטער. ווייזט אבער אויס, עס זענען געווען שוישפילער, וועלכע האבען געמיינט, אז „רבי יאזעלמאן" מיינט „מליץ יושר" פונקט אזוי ווי לאמיר זאגען, דרך ארץ און רעספעקט מיינט איינע און די זעלבע זאך. א סימן האט איהר:

אז דער ישיבה בחור ווענדעט זיך צו שלום דיין, דעם העלד פון דער פיעסע מיט די ווערטער:

דיין טאטע, אונזער רבי, א גוטער מליץ יושר זאל ער פאר אונז זיין...

האט איין אקטיאר, וועלכער האט געשפילט די ראלע פון שלום דיין דאן געזאגט דאס פאלגענדע:

„דיין טאטע, אונזער רבי, א גוטער רבי יאזעלמאן זאל ער פאר אונז זיין"...

נאכ'ן אקט האט דער סופליאר זיך ארויפגעווארפען אויפ'ן אקטיאר:

„וואס פאר א „רבי יאזעלמאן", דער'הרג'עט זאלסטו נישט ווערען, איז דיר איינגעפאלען, בהמה איינער?!"...

„קוק נאר אן דעם חכם", — איז דער אקטיאר אויף א האר נישט אויפגעפאלען ביי זיך, „ער ווייסט גארנישט, אז רבי יאזעלמאן און מליץ יושר איז די זעלבע זאך".

וועגען טעאטער

אין ווילנא האט די „ווילנער־טרופע" איינגעארדענט א דיסקוסיע וועגען טעאטער.

מיר ברענגען דא אנ'אויסצוג פון ארטיקעל פון בעריהמטען אקטיאר א. מארעווסקי, וועלכע ענטספערט אויף א רייהע אויספיהרונגען אין דער דיסקוסיע.

אויב „כהן־גדול" איז דער ערשטער פריסטער אין דער ליטורגיע פון שיינקייט און דערהויבונג; אבער אויב „כהן גדול" איז דער בעצייכענטער דורך דער התפעלות פון ציבור — פון דער מיסע — אין וועמעס געשטאלט בעשאפען עס זיינע העלדען און געטער און דורות און לענדער און צייטען; אויב „כהן־גדול" איז דער טיטעל פון ערשטען צווישען פרייע און ענטציקטע, איז אנ'אקטיאר א כהן־גדול!

און אויב אנ'אקטיאר איז איינער פון די קאריערסטען און ליגנערס אין געשוואלענע לעבערס מיט חזיות אויף אויסדערוויילטקייט און אהן שוב ציטער פאר די זיידענע פעדים פון זיין נשמה און פון ארומיגע נשמות —

טא זאל טעאטער געהן כף הקל מיט דער גאנצער צעפוילטער וועלט פון הערשער און פון תעלף!!

און „ארבייטער"!

מיט דעם בעגריף לאמיר זיך נישט ווארפען!!!

דאס ווארט לאמיר נישט שטעלען אין קאן פון פאלעמיקעס און אין שפיל פון דיסקוסיעס! „ארבייטער" איז א בעגריף נישט פאר לינקע, נישט פאר רעכטע, נישט פאר „איסטע" פון כל המינים.

עס איז 20 יאהרהונדערט, חברים און פריינד!

מלכים געהען אין זייער רוה אריין.

פירשטען און מאקיזען זענען בלויז א ציהונג פון פערלאשענע יאהרהונדערטער.

„ארבייטער" — דאס איז דער העהליכער חייל פון דער צוקונפט.

שפעקולירט נישט מיט דעם ווארט און שפיל פון „לינקע אפנייגען" און „רעכטע אפאזיציעס".

„ארבייטער" איז מאיעסטעט! „ארבייטער" איז איבער די מפלות און נצחונות פון פארטייען, פון פראקציעס און פון ריכטונגען.

ארבייט איז די קרוין פון אלע אידעאלאגיעס און אנשויאונגען. און ארבייטער זענען די ערשטע מושלים אין דער וועלט, וואס טרייסלען זיך אפ פון חניפה, ווי פון שרצים.

ארבייטער דארפען האבען אמת'ע שיינקייט. ארבייטער זוכען די איידעלשטיינער פון ריינער קונסט.

ארבייטער, מידע, האלבנאקעטע, פערהונגערטע האבען דורות־לאנג געהארעוועט און געזוכט די איידעלע מעטאלען פון קלאסענלאזער מענשליכקייט.

ארבייטער זינגען די לידער פון דער צוקונפט און דער אייביגקייט.

לאמיר נישט פערשמיצען די הייליגע בעגריפען מיט די שפריצען פון אונזערע ביליגע אמביציעס.

און ווען מיר יאגען זיך נאכ'ן אפלאז און זוכען ברויט און א גילדען, לאמיר אין אונזער געפילדער לאזען צו רוה די ווערטער, אין וועמעס חסד מיר לעבען:

„גאט", „קונסט", „היכל", „כהן־גדול" און — „ארבייטער".

* * *

חוצפה פאר א קינסטלער איז געפערליך. זאל איהם גאט שומר ומציל זיין. געשמאקלאזיגקייט איז — טויט: דא וועט שוין קיינער נישט העלפען. אפילו נישט „גאט" און נישט — „ארבייטער"...

א. מארעווסקי.

מוזיקאלישע נאטיצען

ארטור רובינשטיין־קאנצערט

רובינשטיין שפילט... און די הויכע קינסט זיינע איז לייכט מיט פערשידענפארביגע פייערליכט.

עס ברויזט ווי א ים די באך בוזאני „טאקאטא", עס פינקעלט פאר די אויגען בראהמס'ס — וואריאציעס אויף הענדעל'ס מעלאדיע.

אין איין בליצארטיגע בעוועגונג, און דאך נישט געבליצט צום בלענדען. נאר לייכט, ווארעמט, איז ווירקט ווי די גרויסע — עכטע קונסט, איז אומשטאנד ווען געניוס און קינסטלער בעהעפטען זיך צוזאמען...

דאס איז דער איינדרוק פון די קלאסיקער. דער בלומען־בינטעל פון שאפענס־קאמפאזיציעס האט אויסגעהויכט די ראמאנטיק, וועלכע שטימט מעלאנכאליש און איידעל ערהאבען. אזוי צו שפילען שאפענען, האבען מיר די לעצטע צייט נאר געהערט פון אלעקסאנדער גאבריאלאוויטש דעם פאעט פון קלאוויר.

רובינשטיין, גאבריאלאוויטש און יוזעף האפמאן די קינסטלער דערמאנען די אלטע גאלדענע צייטען וואו מען האט געהערט אויסער ווירטואזיטעט, ריינע קונסט דיקטירט פון טיפען קינסטלערישען הארצען, וועלכע האט אזוי שטארק געווירקט און פערזידלט די ארויסגערופענע געפיהלען פון דעם צוהערער.

D—ski.

געעפענט דאס יודישע פאלקס־טעאטער

פרייטאג אוונד איז פארגעקומען די ערעפענונג פון א נייעם יודישען פאלקס־טעאטער אין לאדז די נייע יודישע קולטור־פאזיציע האט בעקומען א נאמען „פאלקס־טעאטער" און געפינט זיך אין יודישען צענטער. דאס טעאטער אליין איז זעהר סימפאטיש, ריין און ציכטיג, די ביהנע א ביסעלע צו קליין, אבער נישט צו פערזינדיגען.

די ערעפענונג איז פייערליך פארגעקומען דורך רעד. לאזאר פוקס, וועלכער האט אנגעוויזען אויפ'ן בלאנדזשעניש פון יודישען טעאטער, אויף דעם מאנגעל אין בנינים און אויף דער וואגלעניש פון דעם „בלאנדזשענדען שטערן". — דעם יודישען ארטיסט. דאס פאלקס־טעאטער האט בעקומען א גאנצע רייהע בעגריסונגען און גליקוואונשען.

צו דער פרעמיערע איז געגעבען געווארען א זעהר פיינע אפערעטע „דאס גאסען־קינד". די אפערעטע איז געשפילט געווארען קארעקט.

די פרעמיערע האט איבערגעלאזען דעם בעסטען איינדרוק, און דאס טעאטער האט אלע אויסזיכטען אויף ענטוויקלונג און ערפאלג.

רודאלף זאסלאווסקי
קומט קיין לאדז

פרייטאג דעם 20 ה.ח. הויבט אן צו שפילען אין פילהארמאניע איינער פון די בעדייטענדסטע ארטיסטען אויף דער יודישער ביהנע — רודאלף זאסלאווסקי. רודאלף זאסלאווסקיס נאמען איז בעקאנט אין דער גאנצער וועלט איבעראל וואו ס'איז פערהאן א יודישער קבוץ האט ער זיך פערשאפט דעם נאמען אלס איינער פון די בעסטע שוישפילער. וואס מיר פערמאגען היינט אויף דער יודישער ביהנע.

די גאנצע וועלט־פרעסע וואו נאר זאסלאווסקי איז פאר די לעצטע יאהרען געווען איז פול מיט לויב־געזאנגען פאר די שעהנע געשטאלטען וועלכע רודאלף זאסלאווסקי שאפט אין די פיעסען וועלכע ער שפילט.

פאר די לעצטע 5—6 חדשים מאכט רודאלף זאסלאווסקי מיט זיין גלענצענדען אנסאמבל דורך א טורנעע איבער די גרעסערע שטעט פון פוילען. זאסלאווסקי האט געשפילט אין לאדז צוריק מיט 17 יאהר.

דער 8־יעהריגער חזן נחומ'על עפשטיין אין לאדז
דאס וואונדער־קינד וועט מארגען געבען נאר איין קאנצערט

א גרויסען רושם האט לעצטענס געמאכט אין פוילען דער אויפטריט פון 8 יעהריגען חזן נחומ'על עפשטיין.

דאס דאזיגע וואונדער־קינד האט איבער'ן שטיגען אלץ, וואס מ'האט פון איהם ערווארט. זיינע 6 קאנצערטען אין ווילנא, עטליכע אין גראדנא און אין אנדערע שטעט, האבען ארויסגערופען די בעוואונדערונג ביי די סאמע קאפריזנע מבינים און ביי דער גאנצער פרעסע.

נחומ'ל עפשטיין זינגט פאלקס־לידער און רעליגיעזע קאמפאזיציעס לויט די וועלט־בעריהמטע חזנים ראזענבלאט, הערשמאן, חני אין קארטין, מיט אזא ווירטואזיטעט, מיט אזא מייסטערהאפטיגקייט, וואס טרעפט איין מאל אין א יובל. נחומ'ל עפשטיין איז לויט אלעמענס אפשאצונג א מגן און שבח איבער זעהר פיל רעזשיסערס חזנים.

דאס וואונדער־קינד פארט איצט קיין ארץ ישראל און פאר זיין אפפאהרען וועט ער בעזוכען לאדז און געבען מארגען, מיטוואך איין קאנצערט.

דער יודישער „גן-עדן" אין דרום-אפריקע

(א בריף פון יאהאנעסבערג)

דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס עס הערשט איצט אין אייראָפּא און אמעריקא, האָט אויך נישט אויסגעמידען דרום־אַפריקע, די איבער־פּראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט און דאָס פעהלען פון אַפּזאַץ־מערק האָט געבראַכט אין א שווערער לאַגע די דרום־אַפריקאַנער לאַנדווירטשאַפט, פון דאָרף געהט דער קריזיס אריבער אין די שטעט וואו די יודישע בעפעלקערונג פערנעהמט א גאַנץ חשובען אָרט.

געוועהנליך נעהמט דאָ אָן דער קריזיס גאַנץ אַנדערע פאָרמען ווי אין אייראָפּא אָדער אַמעריקאַ. קיין ווייסער פּראָלעטאַריאַט איז דאָ נישט בנמצא. ווייל אַלע שוואַרצע אַרבייטען ווערען אויך געפיהרט דורך די שוואַרצע, און דעריבער איז די אַרבייטסלאָזיגקייט נישט אַזוי בעמערקבאַר. דערפאַר אָבער זענען דאָ פערהאַן „אָרימע ווייסע", — ווי זיי ווערען דאָ אָנגערופען, — אין א גאַנץ בעדייטענדער צאָהל. דאָס שליסען דאָס לאַנד פאַר דער יודישער אימיגראַציע האָט ווייניג וואָס פערבעסערט די לאַגע. אַדרבה, עס איז נאָך פיל ערגער. לויט דער סטאַטיסטיק ווייזט זיך אַרויס אַז די ווייסע בעפעלקערונג איז נאָכ'ן שליסען פון דער אימיגראַציע פערקלענערט געוואָרען, קיין נייע אימיגראַנטען פון אַנדערע לענדער, ווי פון די מזרח־אייראָפּעאישע קומען נישט, און פון דער היגער צומעהרסטער ענגלישער בעפעלקערונג פערלאָזט א געוויסע צאָהל דאָס לאַנד. די עמיגראַציע איז גרעסער ווי די אימיגראַציע. אפילו פון די יודישע עמיגראַנטען, וואָס האָבען זיך נאָך בעוויזען אַריינצוכאַפּען אין לאַנד איידער דער קוואָטע־געזעץ איז אַריין אין קראַפט, האָט א טייל געמוזט אָוועקפאָהרען צוריק. ווייל עס איז זיי געווען אוממעגליך זיך איינצואָרדנען.

אין דער יודישער וועלט אין אויסלאַנד האָט מען א פאַלשען בעגריף פון דער „גאָלדענער מדינה", און פון יודישען „גן עדן" דאָ. אין דער אמת'ן מוזען נעבעך פיל נייע איינגעוואַנדערטע יודען פערלאָזען דעם „גן עדן" און זיך אומקעהרען אין זייערע אַלטע היימען. און פון די איבערגעבליבענע זענען דאָ א היבשע צאָהל נצרכים, וואָס מוזען אָנקומען צו שטיצע פון דער חברה ־ קדישא, וועלכע פיהרט דאָ אָן מיט צדקה־אַרבייט.

אין דער היגער יודישער געזעלשאַפטליכקייט, שפּירט זיך אויך א צושלאָגענקייט און אַפּאַטיע. עס וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר ד ייודען אין אַנדערע לענדער צו וויסען, אַז די היגע יודישע אַנשטאַלטען געפינען זיך פינאַנציעל אין א טרויעריגען מצב. דרום־אַפריקאַ האָט זיך אַרויסגעוויזען פרייגיביג פאַר אַלע ציוניסטישע פאָנדען, און עס בלייבט נישט איבער קיין לעדיגע צייט, אַז א וועלכער עס איז אַנדער קאַמפּיין זאָל דאָ דורכגעפיהרט ווערען, איצט, למשל, באַדעם ווי עס האָט זיך געענדיגט דער דונאַם־דריוו פאַר'ן נאַציאָנאַל־פאָנד האָט זיך אָנגעהויבען א קאַמפּיין פאַר „אָרט־אָזע־עמיגדירעקט" און אויך אַנדערע קאַמפּיינס ווערען שוין צוגעגרייט. איך רעכען שוין נישט אַריין די משולחים פון אַלע ישיבות און קהלות פון מזרח־אייראָפּא. דערפאַר אָבער ווייזען נישט אַרויס די דרום־אַפריקאַנישע יודען קיין לעבעדיגע פערשטענדניש פאַר די הצטרכות'ן פון זייערע אייגענע אָרטיגע אינסטיטוציעס, פון א מעהר קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער ווייל די צדקה־אַנשטאַלטען פון היגען יודענטום שטעהען גראָד אויף א געהעריגער הויך, וואָס עס איז אפשר זעלטען צו טרעפען אין גרעסערע יודישע קהלות אין גרעסערע לענדער.

א לענגערע צייט האָבען זיך די היגע יודישע כלל־טוער אַרומגעטראָגען מיט א פּראָיעקט פון בעזעצען יודען אויף ערד אין דרום־אַפריקע. עס זענען שוין געשאַפען געוואָרען קאָמיטעטען און קאָמיטעס און מען האָט שוין געמיינט אַז אָט אָט ווערט פערווירקליכט דער פּראָיעקט, פיל האָבען אויפ'ן דאָזיגען פּראָיעקט געלייגט גרויסע האָפנונגען און, עס וואָלט אפשר געווען מעגליך צו בעקומען א געוויסע שטיצע פון דער רעגירונג אויף צו פערווירקליכען דעם פּראָיעקט, מען האָט זיך מיט'ן פּראָיעקט אַזוי לאַנג אַרומגעטראָגען ביז מען האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז צוליב דעם עקאָנאָמישען קריזיס, קאָן מען נישט שאַפען די נויטיגע 20—30 טויזענד פונט און מע זהאָט דעם פּראָיעקט „צייטווייליג" בעגראָבען ביז „כשירחיב".

איינציגע יאָהר האָט עקזיסטירט ביי דעם באָרד אָוו דעפּוטיס (קהלות־פערבאַנד) א יודישע אַרבייטס ביוראָ, די דאָזיגע ביוראָ פלעגט בעזאָרגען מיט אַרבייט די יודישע אַרבייטסלאָזע און האָט אין דער צייט פון איהר עקזיסטענץ אויפגעטון א גאַנץ וויכטיגע אַרבייט. קרוב צו טויזענד יודישע יונגעלייט סיי איינגעוואַנדערטע און סיי איינגעבוירענע האָבען בעקומען שטעלעס דורך דער ביוראָ, די גאַנצע צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער ביוראָ האָט מען געזוכט מיטלען ווי צו דעקען דעם קליינעם בודזשעט פון דער ביוראָ ביז מען האָט נישט געפונען... און מען האָט געמוזט שליסען די ביוראָ, די וויכטיגע אינסטיטוציע איז פשוט א נישטיגע און דאָך האָט די רייכע יאָהאַנעסבורגער יודישע קהלה געלאָזט גאַנץ גלייכגילטיג שליסען די ביוראָ „צייטווייליג" צוליב מאַנגעל אין געלד־מיטלען.

— און נאָך א וויכטיגע אינסטיטוציע איז געשלאָסען געוואָרען אויך צוליב מאַנגעל אין געלד. דאָס איז, ווי זי ווערט דאָ אָנגערופען די „היברו היי שול" א יודישע פאָלקס־שול, די דערציהונגס־פראַגע איז פון די אָנגעווייטאָגסטע פּראָבלעמען פון היגען יודישען לעבען. וועגען דעם איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אין א בעזונדערען בריף. אלענפאלס שטעהט דאָ די יודישע דערציהונג אויף א נידריגער מדרגה, א פערהעלטנישמעסיגע קליינע צאָהל יודישע קינדער בעזוכען נאָכמיטאָג די היגע תלמוד־תורה'ס. דאָס פּראָגראַם פון די תלמוד־תורה'ס דערגרייכט אין גרעסטען טייל נישט ווייטער ווי חומש. און פון די וואָס בעזוכען שוין די תלמוד־תורה'ס זעצען פאָר זייערע יודישע למודים נאָך בר מצוה זעהר א קליינער טייל. די רעזולטאַטען פון די למודים אין די תלמוד־תורה'ס זענען ווייט פון צו זיין בעפרידיגענד. דער גרעסטער שולד אין דעם איז די קאַלטבלוטיגע בעציהונג מצד די עלטערען צו דער יודישער דערציהונגס־פּראַגע, די „היברו היי סקול" איז געווען א יודישע פאָלקס־שול, וואו אלץ איז געלערנט געוואָרען אין ענגליש. נאָר אַן אַנדערטהאַלבען שעה א טאָג פלעגט געלערנט ווערען „היברו". די מעלה פון דער שול איז געווען וואָס די קינדער פלעגען בעקומען זייערע יודישע למודים פאַרמיטאָג גלייכצייטיג מיט די אַלגעמיינע למודים און האָבען נישט געדאַרפט קומען צו די יודישע למודים ווי אין ד יאַנדערע תלמוד תורה'ס נאָכמיטאָג. די דאָזיגע שול איז אויסגעהאַלטען געוואָרען פון דער יודישער קהלה. די רעגירונג פלעגט געבען א יעהרליכע סובסידיע פון 500 פונט, די דאָזיגע שול האָט שוין עקזיסטירט 28 יאָהר. און מען האָט געהאָפט אַז דורך דעם וואָס די קינדער וועלען בעקומען זייערע יודישע למודים אויף א מעהר נאָרמאַלען אופן, וועלען די רעזולטאַטען זיין מעהר צופרידענשטעלענד, עס איז איבריג צו בעמערקען, אַז אַנ'אמת'ע יודישע שול וואו די יודישע למודים זאָלען געפיהרט ווערען אין [illegible]איש אָדער יודיש איז מען נאָך דערווייל נישט דערגאַנגען. די דאָזיגע „היברו היי סקול" איז איצט צוליב מאַנגעל אין געלד, אָדער צוליב מאַנגעל אין אינטערעס געשלאָסען געוואָרען, און אַז מען האָט צונויפגערופען אַנ'עלטערען און מיטגלידער פערזאַמלונג, וואָס זאָל בעשליסען וועגען גורל פון דער שול, וואָס עקזיסטירט שוין 28 יאָהר, זענען געקומען בס"ה 15—20 פערזאָן.

אָט אַזוי געהען אונטער יודישע אינסטיטוציעס אין דעם יודישען „גן עדן" אין דרום־אַפריקע צוליב דער קאַלטבלוטיגקייט און אַפּאַטישקייט פון דער היגער יודישער געזעלשאַפט, וואָלט געווען מעהר אינטערעס. וואָלט וועגען געלד נישט געווען קיין דאגה. דרום־אַפריקאַנער יודען קענען נאָך אויסהאַלטען זייערע אינסטיטוציעס ווען דער ווילען זאָל נאָר זיין.

י. באַטניצקי

חתונה'ת, געבורטן און טויט-פאַלן ביי יודען

אויספאָרשונג וועגען דעם נאַטירליכען צוּוואוּקס פון דער יוד. בעפעלקערונג אין פוילען

וואַרשע, (י.ט.א) ביי היינטיגען טאָג קען מען בשום אופן נישט פעסטשטעלען די ריכטיגע צאָהל יודען אין פוילען די סיבה דערפון בעשטעהט קודם כל אין דעם, וואָס סיי די געבורטען, סיי טויטפאַלען ווערען ביי יודען נישט ווי געהעריג רעגיסטרירט. אין פיל שטעט און שטעטלעך ווערען, למשל די געבוירענע מיידלעך לחלוטין נישט געמאָלדען, אָדער מען רעגיסטרירט ערשט נאָכדעם, ווען דאָס קינד איז שוין אַלט 15-20 יאָהר, אין פיל שטעט, אַמייסטען אויף די קרייסען ווערען די געבוירענע קינדער לגמרי נישט רעגיסטרירט. און נישט בלויז אין די קלענערע שטעטלעך הערשט אַזאַ אומאָרדענונג, נאָר אפילו אין די גאָר גרויסע שטעט איז די דאָזיגע ערשיינונג גרויס. אין וואַרשע זענען די צאָהל רעגיסטרירטע קינדער איינגעמאָלדען מיט א פערשפעטיגונג פון 2 ביז 8 יאָהר. אין ביאַליסטאָק זענען אויף 100 געבוירענע מיידלעך געווען 220 יונגלעך, וואָס עס איז לגמרי אוממעגליך. דאָס איז דערפאַר, וואָס געבוירענע מיידלעך זענען נישט רעגיסטרירט געוואָרען.

צוליב דעם דאָזיגען מצב איז ענטשטאַנען אַנ'אומגעהויערער כאַאָס בנוגע דער סטאַטיסטיק פון נאַטירליכען צוּוואוּקס ביי דער יודישער בעפעלקערונג זינט דער לעצטער פאָלקסצעהלונג זענען נישט פערהאַן קיין שום ריכטיגע ידיעות וועגען דער בעפעלקערונגס־בעוועגונג ביי יודען. א טייל האַלטען, אַז פאַר דער דאָזיגער צייט האָט זיך די יודישע בעפעלקערונג זעהר שטאַרק פערקלענערט, ד. ה. אַז זי דאַרף היינט ביטרעפען נישט מעהר ווי 2,800,000 פערזאָן. א טייל ווידער האַלטען, אַז די צאָהל יודען דאַרף היינט אין פוילען בעטרעפען 3 און א האַלבען מיליאָן מענשען.

עס פיהלט זיך דעריבער אַנ'אָנגעהויערע נויטווענדיגקייט אַריינצובריינגען א געוויסע קלאָרקייט אין דער דאָזיגער פראַגע. די ערשטע שריט דערצו איז דאָס אויספאָרשען די פאַקטישע פערהעלטנישען אין די לעצטע יאָהרען אויפ'ן געביט פון רעגיסטרירען די צאָהל געבוירענע קינדער און די שטערבליכקייט ביי יודען.

אויסגעהענדיג פון דער הנחה, אַז די דאָזיגע פראַגע האָט א גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע בעדייטונג, האָט דער „טאָז" בעשלאָסען דורך אַנקעטע אויסצופאָרשען די דאָזיגע בעדינגונגען. אין פערשטענדיגונג מיטן הויפט־סטאַטיסטישן אמט זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען 3 פאָרמולאַרען פון אַנקעטעס וועגען דער צאָהל חתונות, געבורטען און טויט־פאַלען ביי יודען פאַר די לעצטע 10 יאָהר.

די דאָזיגע אַנקעטעס זענען צושיקט געוואָרען אין אַלע יודישע קהלות און צו רבנים אין גאַנץ פוילען, וועלכע דאַרפען די דאָזיגע אַנקעטעס אויספילען און צוריק אָבשיקען מיט געהעריגע שריפטליכע ערקלערונגען.

עס איז צו האָפען, אַז אַלע קהלות וועלען אָפּשאַצען די וויכטיגקייט פון דער דאָזיגער זאַך און וועלען אָהן שום אָפּהאַלט אויספילען די אַנקעטעס. דאָסזעלבע איז אויך צו דערוואַרטען פון די רבנים, וועלכע פיהרען אין גרעסטען טייל שטעט די ידיעות וועגען דער דעמאָגראַפיש־סטאַטיסטיק ביי יודען. מען מוז געדענקען, אַז די דאָזיגע צאָהל קען דערגרייכט ווערען בלויז ווען אַלע אָהן אויסנאַהם קהלות וועלען ערפילען זייער געזעלשאַפטליכען חוב און וועלען אָהן שום אָפּהאַלטען אויספילען די אַנקעטעס, ווייל אַנדערש וועט ווידער זיין אוממעגליך צו סומירען דעם גאַנצען געזאַמעלטען מאַטעריאַל.

אויף זינדיגע וועגען

16) סענסאַציאָנעל־ראָמאַנטישער ראָמאַן פון לאָדזשער לעבען

דו ווייסט דאָך, האָט רחמה אָנגעהויבען צו דערצעהלען — ווי פון א מעשה־ביכעל אַרויס — אַז מיך האָט מען יונגערהייט גערופען „רחמה די ציגיינערין". דאָס איז געווען דערפאַר ווייל איך האָב שטענדיג געאַרבייט צוזאַמען מיט די ציגיינער רינגס, איך האָב פון זיי גענומען „סחורה" פאַר אונזערע „געשעפטען", אַמאָל זייערס אַנ'אייגען יונג־מיידעל, אַמאָל אַ קינד, וואָס זיי האָבען געהאַט געגנבעט אויפ'ן וועג, וואו זיי זענען אַדורכגעגאַנגען. איך בין געווען מיט זיי איינס, איך האָב שוין אַפילו געקענט זייער שפּראַך און עטליכע יאָהר צוזאַמען מיט זיי געלעבט.

מיט פיל יאָהר צוריק, איך געדענק שוין נישט ווי לאַנג דאָס איז, האָבען די ציגיינער געהאַט ביי זיך אַ קליין יודיש־מיידעלע, ס'פערשטעהט זיך, אַז מיין יודיש האַרץ האָט נישט געקענט דערלאָזען, אַז אַ יודיש קינד זאָל בלייבען ביי די ציגיינער, זיי וואָלטען נאָך דאָס קינד געקענט פערקויפען צו גוים און זיי וואָלטען עס אָפּגעשמדט. כ'האָב דעריבער אָנגעהויבען צו פייניגען די ציגיינער, אַז זיי זאָלען מיר פאַר געלד פערקויפען דאָס מיידעל, זיי זענען איינגעגאַנגען דערויף, נאָר מיט דעם בעדינג, אַז זיי וועלען נישט אויסזאָגען פון וואַנען זיי האָבען דאָס מיידעלע גענומען: „רחמה די ציגיינערין" איז נישט געווען קיין „יאַלדובקע" און איינגעגאַנגען דערויף. איך האָב בעצאָהלט ווי פיל כ'ביי משוה געוואָרען און צוגענומען דאָס קינד צו מיר. מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך אָנגעטראָפען איינעם פון די ציגיינערין און יענער, אַ שיכורער, האָט מיר אויסגעפּלאַפּלט ווער דאָס קינד איז, איך האָב מיר דאָס אויפגעשריבען אויף אַ פּאַפּיר, טראַכטענדיג, אַז דאָס קען אַמאָל צונוץ קומען; דערווייל האָב איך דאָס קינד געהאָדעוועט ביי מיר.

— נו, קיין לעקעכלעך האָט זי ביי דיר זיכער נישט געגעסען, האָט דער „תליון" אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט.

— מיר אַלע עסען נישט קיין לעקעכלעך, אַז איך האָב איהר געגעבען אַ קלאַפּ, האָב איך געמיינט גאָר איהר טובה, איך האָב זי געוויגלט ערציהען פאַר אַ כשר מיידעל, אָבער דו ווייסט דאָך ווי ס'געהט ביי אונז צו, די יונגען, וועלכע זענען אַריינגעקומען צו מיר אין געשעפט האָבען די כפרה איינגענומען פאַר איהר. ז ייהאָבען זיך געוואָרפען ווי אין קדחת, ווי זיי האָבען זי געזעהען, און ביי אונזערס אַ מויד דאַרף מען דאָך נישט לאַנג טראַכטען, ווען זי איז אַלט געוואָרען 15 יאָהר האָב איך זי שוין געקענט בעטראַכטען אַלס גוטע סחורה פאַר מיין געשעפט, פון דעמאָלט אָן איז זי געווען ביי מיר ביז זי איז געוואָרען דיין כלה.

מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם האָט דער „תליון" געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס „רחמה די ציגיינערין" האָט איהם דערצעהלט. דער גאַנצער ענין האָט פאַר איהם בעקומען נאָך מעהר אינטערעס.

— אָבער ווער זענען איהרע עלטערען? ביי וועמען האָט מען זי געגנבעט?

— כ'ווייס אַליין נישט, כ'האָב נישט געוואָלט וויסען און וויל נישט וויסען אַזאַ נאַרישע יקבה, האָט געהאַט אַזא וואוילען חתן ווי דו און איז גאָר איינגעגאַנגען ענטלאָפען.

— דו זאָגסט דאָך רחמה, אַז דו האָסט ערגיץ וואו פערשריבען ווער זי איז און פון וואַנען זי שטאַמט, איך וויל זי מוזען געפינען, איך וועל זי אויפזוכען און דאַן, דאַן איז איהר לעבען נישט ווערט קיין פּרוטה. כ'וועל זי אָפּמעקען פון דער וועלט. זי וועט ביי מיר קיין וואוילע נישט זיין. דער „תליון" איז אַרויס פון רחמה'ס הייזעל, זאָגענדיג אַז ער וועט קומען אין אָוונט נאָך דעם צעטעלע וואו ס'איז געווען פערשריבען ווער מאַניע איז.

קאַפּיטעל 11

יאַקוב צווישען צוויי פייערען

ראָמאַ איז נאָך אַלץ געלעגען אויף דער סאָפע, צוגעמאַכט די אויגען, געפיבערט מיט אַלע אברים און געציטערט אַזוי ווי פון היץ.

— צו וועמען קען איך מיך ווענדען נאָך הילף ערשט איצט פיהל איך, ווי איינזאַם איך בין, ווי שרעקליך ס'איז צו זיין אַליין, אָהן פריינד און געבער. ווי איך האָב מורא פאַר דער וויזיט פון דעם גרויזאַמען איבזשיביער מערטענס, אָ, ווי איך וואָלט איהם מעהר נישט געוואָלט זעהען פאַר מיינע אויגען, פאַרוואָס האָב איך נישט אויסגעפיהרט היינט מיין פּלאַן, פאַרוואָס האָב איך נישט אויסגעטרונקען דעם סם, כדי מיך פולשטענדיג צו בעפרייען פון די שרעקליכע ליידען.

בעבען דער סאָפע איז נאָך אַלץ געזעסען יאַקוב, נישט וויסענדיג צו וואָס און נאָך וואָס ער זיצט דאָ. ער האָט געהיטען ראָמאַ'ן, נישט פערשטעהענדיג פאַר וועמען.

— וואָס קומט דאָ פאָר, האָט זיך יאַקוב געטראַכט. וואָס פאַראַ שרעקליכע זאַכען זענען דאָ געשעהן זייט אַ קורצער צייט, און וואָס פאַראַ שייכות האָט דער איבזשיביער מערטענס, וועגען וועלכע ראָמאַ רעדט אַזויפיל, צו דער געהיימניספולער געשיכטע. פאַרוואָס איז ראָמאַ אַזוי איבערגעשראָקען? אין דעם שטאַרקען און מוטיגען יאַקוב האָט זיך אָנגעהויבען אַריינצוגנבענען א געפיהל פון מורא, אַ געפיהל פון שרעק, פאַר אַ גרויזאַמען שטורעם וואָס דערנעהנטערט זיך. ער האָט בעשלאָסען נישט צו שווייגען און פרובען זיך צו דערוויסען פון ראָמאַ'ן אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר.

יאַקוב האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און שטיל געפרעגט:

— ראָמאַ, פריילין ראָמאַ, וואָס קומט דאָ פאָר זייט עטליכע טעג אין דעם הויז, וואָס פאַראַ רוחות און שדים האָבען זיך אַריינגעריסען אַהער. כדי צו צושטערען אַלץ וואָס איז ביזאַהער געשאַפען געוואָרען, און דער עיקר, וואָס פאַר אַ שייכות האָט איהר צו די דאָזיגע שרעקליכע זאַכען.

— יאַקוב, דו וואָלסט מיך פערשטאַנען, דו וואָלסט מיר געקענט ראַטעווען דאָס לעבען, אָבער שוין נישט איצט... נישט איצט.. איצט איז אַלץ פערפאַלען.

— אָבער פאַר וואָס נישט איצט? איז יאַקוב אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, פאַרוואָס פריהער יאָ, איהר ווייסט דאָך, ווי איבערגעגעבען איך בין די גאַנצע צייט געווען פאַר אייער הויז, ווי טריי און ערליך איך האָב דאָ פערדינט מיין שטיקעל ברויט איהר, ראָמאַ, ווייסט אויך, ווי צוגעבונדען איך בין געווען צו אייך זייט מיין פריהעסטער קינדהייט איך בין דאָך אייך שטענדיג אַזוי דאַנקבאַר געווען פאַר דער גוטסקייט, וואָס איהר האָט מיר אָהן אויפהער אַרויסגעוויזען, נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס אייער פאָטער, ענטשולדיגט מיר, וואָס איך זאָג אַזוי, איז נישט געווען צו מיר שטענדיג אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, האָט איהר מיך שטענדיג גענומען אין שוץ און מיך טאַקע בעשיצט, אַפילו דעמאָלט ווען דאָס איז געווען פערבונדען מיט אונאַנגענעהמליכקייטען פאַר אייך. אייער פאָטער...

— יאָ, מיין פאָטער... מיין פאָטער... כ'ווייס אַז ער האָט דיך נישט שטענדיג גוט בעהאַנדעלט. אָבער קיין גנב... קיין מער...דער... איז ער דאָך נישט, אמת, יאַקוב, האָט זיך ראָמאַ שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.

— ראָמאַ, וואָס רעדט איהר, איהר זענט קראַנק איהר פיבערט איך וועל געהען זאָגען אייער פאָטער. איך וועל רופען אַ דאָקטאָר...

— ניין, יאַקוב איך בעשווער דיך. אַז דו זאָלסט זיך נישט ריהרען פון אָרט, זאָלסט אין ערגיץ נישט אַוועקגעהן און בלייבען מיט מיר. איך בין נישט קראַנק, איך פיבער נישט, איך האָב אויך נישט פערלוירען די געדאַנקען, איך בין פולשטענדיג געזונד אָבער איך דאַרף הילף, הילף פון אַ פריינד, פון עמעס מעהר ווי אַ פריינד, אָבער דו קענסט מיר מעהר נישט העלפען, אַ ביסעל צו שפּעט... איך אַליין בין שולדיג אין אַלעם, איך האָב צופיל געשוויגען.

— אָבער איך פערשטעה דאָך נישט קיין איינציג וואָרט פון דעם אַלעם וואָס איהר רעדט. איך בין גרייט אַזוי ווי שטענדיג אייך צו העלפען אַפילו מיט מיין לעבען, צו בעצאָהלען פאַר דעם, אָבער ביי גאָט, וואָס קומט דאָ פאָר, מ'קען דאָך משוגע ווערען פון דעם אַלעם.

— יאַקוב, טייערער יאַקוב, האָט ראָמאַ געזאָגט, אויפמאַכענדיג די אויגען און איהר קליין הענטעל איז פערשוואונדען געוואָרען אין יאַקובס גרויסע שטאַרקער האַנד, איך ווייס אַליין נישט גענוי וואָס דאָ איז געשעהן, איך ווייס נאָר, אַז עפּעס שרעקליכעס... עפּעס גרויזאַמעס... אַ שווער אומגליק דערנעהנטערט זיך צו אונז... אָ.

— אָבער ווער געהט... ווער איז דאָס? וואָס דער סאָפאַ, דאָס איז ער... יאַקוב זיי נעבען מיר, געה נישט אַוועק... לאָז מיך נישט אַליין.

ראָמאַ האָט געציטערט, די ציינער האָבען געהאַקט ביי איהר. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו יאַקוב'ן, און אויסגעזעהען ווי אַ קינד, וואָס טוליעט זיך צו איהר פאָטער, ווען ער זעהט אַ ווילדע חיה פון דער ווייטענס...

— אָבער ווער געהט... ווער איז דאָס? וואָס קומט דאָ פאָר?

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

(המשך קומט)

קי־א־טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

היינט און פאלג. טעג! דאפעלטער פראגראם!
1) גרויסע עראטישע דראמע לויט ערצעהלונג פון P.Tetmajer א. נ.:

ראמאנס פון פרל. אפאלסקא

אין די הויפטראלען:
Bożewska Helena, Hrydziński, Władysław Walter

2) דער קאמיקער Monty Banks אין וואהנזיניגען געיעג

אויפ'ן פייערדיגען פערדל

נאך דער שיינער מיל־ארדערין, וועלכער עס פיהרט אויס
VIRGINIA LEE CORBIN

געקליבענער ארקעסטער אינטער דער לייטונג פון ה' סטעפאנסקי
אנהויב פון די סעאנסען: אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג
און יום־טוב — 12 א זייגער בייטאג. דער זאל איז גוט בהייצט.

MIESZANKI ZIÓŁ LECZNICZYCH

według przepisu prof Jana Muszyńskiego
polecają w swej aptece Dr. fil. Mag. farm.

A. RYCHTER i B. ŁOBODA

Łódź, ul. 11 Listopada 86, tel. 191-36.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז צוליב דער בעקוועמליכקייט פון דער געעהרטער קליענטעלע אין בירגער, האבען מיר ערעפענט אויף
Plac Dąbrowskiego 2
טעל. 156=70 פראנט, פארטער, אין דער נאהענט
פון סאנד אקרעגנגאווי און גראדסקי
א ביורא א.נ. „Maszynopis"
וואו עס ווערען ערלעדיגט זעמטליכע געריכטליכע אנגעלעגענהייטען ווי אויך סקא־באווע און קאמונאלע
אכטונג! פאזענער און פאמערנער הויזירער
ספעציעלע אפטיילונג פאר אייערע פראטעסטירטע וועקסלען. מיט אכטונג
יאקוב זאמעק און מ. זיגער.

וועכבעריר בירורגישע קליניק
„SANATO"
אגראדאווא 10, טעל. 213=57
1־טע און 2־טע קלאס
ערצטליכע אויפזיכט איבער דער מוטער און קינד
פרייזען פון געבורט
אין 2־טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס־מיטלען
200 זל.
אויגען־אפטיילונג פון ד"ר מעד. י. קראויש
עמפפאנגס־שעה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.
כירורגישע אפטיילונג פון ד"ר מעד. מ. קאנטאר
עמפפאנגס־שעה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.

לעטשניצע
צאהן־ערצטליכער גאבינעט
און רענטגען־אינסטיטוט
(דיאגנאסטיק, אויסערליכע און לייכט־טיפע טעראפיע)
זגערזשער 17 טעל. 116=33
וועגעראלאגישער גאבינעט
טעגליך טעטיג פון 1 — 2 נאכמיטאג.

Dr. med.
I. Wajnberg
Cegielniana 47, tel. 126-02
צוריקגעקעהרט
אינערליכע קראנקהייטען
ספעציעל פאר לונגען־און הארץ־קראנקהייטען
באשטראהלונגען און קינסטליכע בערג־זון.
נעהמט אן אין דערהיים פון 3—5.

יעדער איינציגער
מעבעל
האט זיך איבערצייגט, אז פאר
דיוואנעס, פעלצען, נייה מאשינען, גארדעראבען או"וו
צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן שטנקעוויטש 23
טעלעפאן 191=00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

---

44 וויכטיג פאר מחותנים! 44
קויפט נישט קיין
מעבעל בעפאר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל־געשעפט
Ch. ŁAZNIK
44 גדאנסקא (דלוגא) 44
טעל. 162=56
נאר ביי מיר קענט איהר קריגען פערש. מעבעל
שעהן, גוט און ביליג
בעמ.: כ'קויף אויך געניצטע מעבעל, דיוואנעס, פעלצען א. א. וו.
44 קומט און איבערצייגט אייך; 44

א פאר בעטען
(טונקעלע) מיט מאטראצען און נאכט־טישלעך, אין גוטען צושטאנד, זעהר פרייזווערדיג צו פערקויפען.
צו ערפאהרען קילינסקיעגא 87, אין הויף, פארטער, ביי רונדבערג.

קוואליפיצירטע
שטאפערינס
קענען זיך מעלדען פון זאפארט. די אדרעס צו ערפאהרען אין אדמיג. פון דער צייטונג. 1130

עטליכע
רענדער־מאשינען
צו קויפען געזוכט.
אפערטען אונט. A.B.633 אין אדמ. פון דער צייטונג.

די ניי־ערעפענטע
מאדעל־טישלעריי
נעמט אן צו ביליגע פרייזן פערשידענע מעבלען, ווי אויך רעוואלווער־קאסטען.
סובאלסקא 5,
טשורבאק און שענצל

צו א שטעפער
ווערט געזוכט א געהילף = ריכטעווער
פון זאפארט.
פאלודניאווא 59,
ביי בראנדעס.

א קוואליפיצירטע
ניי־טארין
צו ביוסטאנאשען ווערט פון זאפארט געזוכט.
פיעטריקאווער 27, וו. 22.

הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה

אם תקח אמרי ומצותי תצפן אתך
אז תשכב בי־ח ושכנך כי הלך בתום
ילך בטח ומעקש דרכיו יודע
איבער דעם ואלסט נאר קומען און ביורא
פון ד. מאנעלא
וואס איז איבערגעטראגען געווארען פון צווייטען הויף אויפ'ן ערשטען הויף
פיעטריקאווער 17, לינקע אפיצינע
פא־טער, טעל. 124-95
וואו ס'ווערט ווייטער ערלעדיגט פינקטליך און געוויסענהאפט בעשריבען אלערליי ביטעס: ציווילע, קארנע, האנדלאווע, אפעלאציעס, אדוואלאנויעס, רלויזולעס, זאביזופיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, וועגען דירות און אוושאנד ראזיעמטשע, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.
בעמ.: קלויזולעס און זאבעזפיעטשעניעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט במשך פון 24 שעה
מיט אכטונג ד. מאנעלא,
פיעטריקאווער 17, 1־טער הויף

DOKTÓR
H. WOŁKOWYSKI
האט זיך איבערגעצויגען אויף
צעגעלניאנא 36, טעל. 216-90
ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און וועגערישע קראנקהייטען. מענער־שוועכע, אלע אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען
נעמט אן פון 9 — 2 נאכמ. און פון 5 — 9 אוועגד
פאר דאמען בעזונדערען ווארטע־צימער.

Dr. med.
J. Lubicz
כירורג־ארטאפעד
Gdańska 28, tel. 183-17
צוריקגעקעהרט.
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען.
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
אייגענע פראצאוניע פון זעצטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: הילעדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גארטעלען א. ז. וו.
נעמט אן פון 2,30 ביז 4,30 נאכמיטאג.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט־קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום טוב פון 9—1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע־זאל פאר פרויען.

וויכטיג פאר אלע!
גאך א גרינדליכער רעמאנט איז מיין
פריזיר־אנשטאלט פאר דאמען און הערען

מ. קופקא, לאדז
פאלודניאווא 12 (רוג ווסכאדניא) טעל. 119-40

מענער־סאלאן:		דאמען־סאלאן:	
שערען און ראזירען	1 זל.	שערען דאמען	80 גר.
ראזירען מיט קאלאנסקע	40 גר.	שערען שינגלינס	60 "
שערען	70 "	אייזען־אנדולאציע	1 זל.
שערען א יונגעל	50 "	וואסער אנדולאציע	1.50 "
שערען א יונגעל מיט מאשין	30 "	קאפ וואשען און טרוקענען	1 זל.
קאפ־וואשען	50 "	מאניקור	70 "
קאפ־טרוקענען	50 "		
מאסאזש	50 "		

פארבען בערעמען, רוזענסים און האר צו ביליגע פרייזען. דאמען־ און הערען סאלאן ווערט אנגעפירט דורך די בעסטע פאך־קרעפטען. קומט, איבערצייגט אייך

ראנגיעריגער געריכטס־סעקרעטאר
שרייבט און ערלעדיגט אלערליי
ביטעס, אנקלאגעס און קלאוזולעס
ספעציאליסט אין אלע מיליטער־ענינים, ווי אויך
אין שרייבען ביטעס פאר איינציגע שפיזערס.
עלער אויסקויף פון פאטענטען אין רעגיסטראציע־קארטען אויפ'ן יאהר 1931
ב. מאז, 10 פיעטריקאווער 10

ס'איז פערלוירען געגאנגען
א קוויטונג אויף דער סומע פון 150 זל. צאהלבאר ד. 2/8-1930 אויפ'ן נאמען בנימין זילבערבערג, נאוואמיעסקא 26 און א פראטעסט אויף 100 זל. ארדרע ב. זילבערבערג. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אפצוגעבען געגען בעלוינונג פון 50 זל. צו ש. גאלדמאן, פאלנאצנא 7. 1136

ס'ווערט געזוכט
א יונגעל
אדער א מיידעל צום
צייטונגס־פערקויפער
פיעטריקאווער 119
באלד געצאהלט. 1134

אכטונג, צייטונגס־פערקויפער!
מוצש"ק, דעם 16/2, 7 אווענד קומט פאר
אן אלגעמיינע פערזאמלונג
אין אונזער לאקאל, וווכאדניא 34.
טאג־ארדנונג: 1) פאראיינס בעריכטן 2) וועגען פסח־אקציע.
פרעזעס: וויעלגאוואלסקי.
סעקרעטאר: בירענצווייג.

טענץ
די מאדערנסטע
אויפ'ן יאהר 1931
לערן איך אויס יעדען איינציגען, נישט אכטענד אויף די פעהיגקייטען. איינשרייבען קען מען זיך טעגליך אין מיין פריוואט־וואוינונג
64 ציגעל־גאס 64
מיט אכטונג טאנץ־לעהרער
י. זאלצמאן

א לאקאל
מיט א שויפענסטער אין 2 גרויסע צימערן אויף פאנסקא גאס פינקט אין מיטען גריגעם מארק איז
צו פערדינגען.
אפערטען אינטער „A" אין אדמ. פון דער צייטונג

DR. MED.
Haltrecht
ספעצ.־ארצט פאר הויט און געשל כטס־קראנק.
נעמט אן פון 8 ביז 9 פריה פון 2 — 3 נאכמיטאג און פון 8 ביז 9 אוועגד.
זונטאג פון 9 ביז 1 בייטאג.
פיעטריקאווער 10
פאר אינבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזען.

Dr. med.
J. IMICH
צוריקגעקעהרט
ספעציאל־ארצט פאר
נאז, אויערן, האלז־ און קעהל־קאפ־קראנקהייטען
MONIUSZKI 1, tel. 209-97.
נעמט אן פון 5—7 אוו., זונטאג און חגאות פון 1—2 נ"מ

לעטשניצע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און דענטיסטישער קאבינעט.
בושינזשינער 11, טעלעפאן 3763
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר אימיר נאז, האלז, אויערן ק'	4½—5½
ד"ר הערשנער קינדער־קראנקה.	11-9, 4½-5
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטע	12—2
ד"ר ביבערגאל הויט און מענער.קר.	11½, 12½
ד"ר שמירנעלד נערוועו און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר נאדלבלאט אויגען־קראנקה.	12½—1½
ד"ר זאלצוואסער כירורגישע קראנקהייטן	8—9
ד"ר שפערלאווסקי פרויען־און געבורט־הילף	12½—1½

רענטגען־שטראהלען, קוואַרץ־לאמפ, עלעקטריזאציע, דיאטערמיע און אנדערע בעהאנדלונגען.
אימפונגען געגען שקארלאטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפנט געווארען
א רענטגען־אינסטיטוט.

ד"ר לאזשינסקי־סטאראפאלסקא
צאהן־ארצט 10—1, 3—6
קינסטליכע ציין, קרוינען, פאמטען א.א.וו.

די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאג

Lekarz-dentysta
Stanisław Gelberg
זאוואדזקא 14, טעל. 108-33
נעמט אן פון 10—2 נאכמ. און פון 4—7 אווענד

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים־ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר וועגערישע הויט־קראנקה. און מענער־שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערוועז־קראנקהייטען.
קווארץ־לאמפ. עלעקטרישער הייל־קאבינעט קאסמעטיק.
-- טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. --
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ.
נעמט אן א פרוי־דאקטאר נור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
- בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען. -
וויזיט 3 זל.

אבאנאמענטס־פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען אהיים; אויף דער פראווינץ 6 זל. א חודש, אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך.
די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען־פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 " " " " " " 60—
נאכ'ן טעקסט—12 " " " " " " 16—
פאר א מילימעטער־שורה, ... לויטער דער גרויס 50 פראצ. טייערער. רעקל. אנגען—10 גר. א ווארט ... אויסל. 100 פראצ.

Za Wydawnictwo „Nejer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 26.